סטריִעלער ערד־אַרבעט, וואָס באַזירט זיך אויף נײַע געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע באַציִונגען צווישן קלאַסן גרופּעס און אונטערגרופּעס. דער באַלעגולע, וועלכער איז ביז דער מאַסן־קאָלעקטיוויזאַציע געווען באַגרענעצט אין זײַן אַנטוויקלונג לויט דער ליניע פֿון פֿעלדווירטשאַפֿט, האָט אַריבער־געטראָגן זײַנע קרעפֿטן און טעטיקײַט אין דער פּיצוכט און איז אויף דעם דאָזיקן געביט געווען זייער שטאַרק. און דעריבער איז דאָס וואַקסטע אָרט אין דעם אָרגאַניזיר־פּעריאָד פֿון דער קאָלווירטישער ווירטשאַפֿט געווען די פּיצוכט. אָבער דער אָרגאַניזיר־פּעריאָד איז שוין דורכגעמאַכט. עס זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן אַלע פֿאָרהאַנאָכעס פֿאַרן ווײַטערדיקן, נאָך מער דערפֿאָלג־רײַכן, עטאַפּ פֿון דער סאָציאַליסטישער ערד־אַרבעט און פּיצוכט.

## לאַנגיאָריקע פֿלאַנצונגען

### סעדער

אין די יאָרן פֿאַר דער רעוואָליוציע זײַנען אין די קאָלאָניעס פֿון נײַ־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן קימאַט ווי ניט געווען קיין סעדער. די איינציקע סעדער זײַנען געווען די שול־סעדער צו 10,5 האַ אין יעדער קאָלאָניע. אַ באַדײַטנ־דיקער טייל פֿון די דאָזיקע סעדער זײַנען אין די יאָרן פֿון בירגערקריג שטאַרק כאָרעוו געוואָרן, זיי זײַנען צעפֿרעסן געוואָרן דורך פֿאַרשיידענע קרענק און שעדיקער און צום אָנהייב פֿונעם רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד זײַנען זיי געווען פֿיל שיטערער און אין איניקע ערטער גאָר פֿאַרניכטעט. אין איינצלנע הויפֿן בײַ די קאָלאָניסטן און בײַ די פּויערים אין די אוקראַיִנישע דערפֿער האָט מען נאָך געקאָנט באַגעגענען 1 אָדער 2 צענדליק קאַרשן־ביימער צווישן ווײַסע אַקאַציעס.

נאָר אין 1927 יאָר האָט מען אין דער קאָלאָניע סלאַדקאָוואָדנע, אין וועלכער קימאַט האַלב ווירטשאַפֿטן זײַנען שוין געווען פֿאַראייניקט אין קאָ־לעקטיוון (דאָרטן זײַנען שוין דעמלט געווען 4 אַרטעלן), אָנגעהויבן ריידן וועגן דער נייטיקײַט צו פֿאַרפֿלאַנצן אַ גרויסן פּרוכט־סאָד אין דער נידער, לענגויס דער ליניע הײַזער. דער דאָזיקער שעטעך מיט אַ טיפֿן פֿעטן שוואַרצערד, אויסגעצייכנטן וואַסער אויף דער טיף פֿון 6—7 מעטער, ניט קיין טיפֿן רוי בײַ דער הינטערשטער זײַט פֿונעם מאַסיוו, איז געווען ווי געוווּנטשן פֿאַר אַ פּרוכט־סאָד. פֿון יענער זײַט רוי האָט נאָך מיט אַ סאַך יאָרן צוריק דער באַלעגולע צי דער קליינער פּאָרעץ, צו וועלכן עס האָט געהערט דער שעטעך ערד, פֿאַרפֿלאַנצט אַ גרויסן פּרוכט־סאָד, וועלכער האָט זיך גלענצנדיק אַנטוויקלט און פֿלעגט געבן גרויסע גערעטענישן פֿון די בעסטע מינים באַרן, עפּל און אַנדערע פּרוכטן.

דער געדאַנק וועגן פֿאַרפֿלאַנצן אַ גרויסן גרופּן־סאָד לענגויס דער גאַנ־צער קאָלאָניע פֿון יענער זײַט רוי אויף אַ שעטעך פֿון עטלעכע צענדליק



האַ האָט באַגעגנט אַ מיטגעפֿיל בײַ די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן קרעדי־טירט די קאָלאָניסטן. אין האַרבסט 1927 יאָר האָט מען געבראַכט אין קאָ־לאָניע פֿלאַנץ־מאַטעריאַל, וועלכע מע האָט באַשטעלט נאָך זומער־צײַט אין מליִעווער מעלוכישער און מאַריִופּאָלער פֿלאַנץ־פּונקטן. מע האָט צעטיילט דעם שעטעך, צוגעגרייט גריבער און אין פֿרילינג 1928 יאָר איז מען צו־געטראָטן צום פֿאַרפֿלאַנצן דעם סאָד. מע האָט אויסגעבויט אַ פּאַרקן לענגויס אַלע הויפֿן. די גאַנצע קאָלאָניע האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ געמיטלעכן, ווײַלדײַנגעאָרדנטן אויסזען. דעם דאָזיקן פֿרילינג האָט מען פֿאַרפֿלאַנצט 1400 ביימער אויף אַ שעטעך פֿון 7—8 האַ. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען פֿאַרברייטערט דעם סאָד. דער גרונט־מאַסיוו אַרום די הויפֿן איז פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן אויף 85—90% מיט עפּל פֿון 3—4 מינים (לאַנדסבערג, רענעט, בויקען, ווינטערדיקער גאָלדענער פּאַרמען, טיראָלערקע אאַז״וו.), קעדיי צו פֿאַרזיכערן אויף שפּעטער די סטאַנדאַרטנע פּראָדוקציע פֿון די בעסטע מינים פּרוכט פֿאַרן געגעבענעם ראַיאָן. די איבעריקע 10—15% האָבן פֿאַרנומען באַרן־ און פֿלוימען־ביימער. גלײַכצײַטיק מיטן פֿאַרפֿלאַנצן דעם סאָד האָבן די קאָלאָניסטן אויסגעגראָבן אין די הויפֿן, לעבן די הײַזער, די אַלטע אויסגעהאַקטע בעשאַסן בירגער־קריג אַקאַציע־ביימער און אָנשטאָט זיי פֿאַר־זעצט אַבריקאָסן־ביימער. צום באַדויערן, איז אַ באַדײַטנדיקער טייל פֿון זיי ווינטער 1929 יאָר אומגעקומען פֿון די גרויסע פֿרעסט. שפּעטער האָט מען אַ טייל פֿון די דאָזיקע פֿלאַנצונגען באַנײַט.

אין די צווישן־רייען האָט מען אויסגעגראָבן שאַכטע־ברונעמער אויף צו באַגיסן די סעדער. ביז די ביימער וועלן זיך פֿאַנאַנדערוואַקסן זייט מען אין די צווישן־רייען קאַרטאָפֿל און אַנדער גרינוואַרג. אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ גאַנץ גרויסער סאָד.

צו עטלעכע הונדערט ביימער האָט מען פֿאַרפֿלאַנצט אויך אין די קאָ־לאָניעס נאַדיאָזשנע און זעליאָנאָפּאָל. מע האָט פֿאַרפֿלאַנצט אַ סאָד אויף אַ שעטעך פֿון 6 האַ אויך אינעם איבערוואַנדערישן ישעוו 4 סק, קאָלווירט „פֿאָרויס״. אין אַנדערע פּונקטן איז מען נאָך דערווײַל ניט צוגעטראָטן צו פֿלאַנצן סעדער, כאָטש אין אַ ריי פּונקטן זײַנען דאָ זייער פּאַסיקע ערד־שעטעכס.

מע האָט אויסגעטיילט סעדער אויך אויף די בײַהויפֿישע באַצירקן אין אַ ריי איבערוואַנדערישע קאָלווירטן מיט אַן אַלגעמיינעם שעטעך פֿון 16 האַ. פּאַקטיש האָט מען אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן אויסגענוצט אין 1932 יאָר אויף פֿלאַנצונגען 8 האַ, אויף וועלכע מע האָט פֿאַרפֿלאַנצט 128 ביימער, פֿון זיי — קערלעך־סאָרטן 749, מיט ביינדלעך — 531.

מיט שנעלערע טעמפּן און אַף אַן אָרגאַניזירטערן אופן איז מען צוגעטראָטן צו אַנטוויקלען ווײַנגערטנערײַ אינעם ראַיאָן. צום ערשטן מאָל האָט זיך אין די קאָלאָניעס באַוויזן די ווײַנטרויבן-קולטור נאָך אין די יאָרן 1909—1910, ווען איינצלנע קאָלאָניסטן האָבן פֿאַרפֿלאַנצט אין עטלעכע קאָלאָניעס (נאָוואָדאָראָווקע, ראָסקאָשנע, זלאַטאָפּאָל, פֿרײַטנע, מעזשירעטש) בײַהויפּיקע ווײַנגערטנער פֿון פֿראַנצויזישע מינים אַף אַמעריקאַנישע פֿילאָקסער-שטאַנדהאַפֿטיקע ווילדלינגען. די ווײַנגערטנער האָבן זיך אַנטוויקלט און האָבן אָנגעהויבן געבן גאַנץ גרויסע געראָטענישן און אַ פֿײַנע האַכנאָסע. אין דער צײַט פֿון בירגער־קריג זײַנען די ווײַנגערטנער געבליבן אָן האַשגאָכע און זײַנען אומגעקומען. דאָך האָט די דאָזיקע קליינע דערפֿאַרונג באַוויזן, אַז אין די קלימאַטישע און באָדנדיקע באַדינגונגען פֿון נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן איז מעגלעך צו אַנטוויקלען ווײַנגערטנערײַ. און ווען מע זאָל אויסוויילן די געהעריקע מינים און ראַציאָנעל אַרומגיין אַרום זיי, קאָנען ווײַנטרויבן ווערן זייער אַ רענטאַבעלע קולטור, וועלכע זאָל גאַנץ גוט קאָמפּענסירן די אַרבעט און די מיטלען, וואָס מע וועט אין דעם אַרײַנלייגן.

אין די פּאַרטריקעניש־באַדינגונגען קאָן דער דאָזיקער געביט דינען און דינט שוין טיילווײַז אַלס סטראַכיר-מיטל, ווײַל ווײַנטרויבן גיבן אַפֿילע אין פּאַרטריקעניש-יאָרן ניט קיין קליינע געראָטענישן, די קלענערע צאָל זייערע אין די דאָזיקע יאָרן ווערט קאָמפּענסירט מיט דער גרעסערער צוקערדיקײַט פֿון די טרויבן.

אין די איבעריקע צוויי ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פֿון אוקראַינע, אין קאַלינינדאָרפֿער און אין סטאַלינדאָרפֿער ראַיאָנען, פֿאַרנעמט די ווײַנטרויבן־קולטור גרויסע שטעטכס צו הונדערטער הא. זייערע ווײַנגערטנער געהערן סײַ לויטן אַסאָרטימענט, סײַ לויט זייער צושטאַנד און גראָטנקײַט צו די בעסטע, מוסטערהאַפֿטע ווײַנגערטנער אין אוקראַינע. ס'איז גענוג צו ברענגען אַ בײַשפּיל פֿונעם קאַלינינדאָרפֿער קאָלווירט „וועג צום סאָציאַליזם", וועלכער האָט פֿון 1924 אָן דערפֿירט דעם שטעטך פֿון זײַנע ווײַנגערטנער ביז אַ 50 הא. אין 1930 יאָר האָבן 18 הא פּרוכטבאַרע ווײַנגערטנער געגעבן אין דורכשניט צו 500 פּוד ווײַנטרויבן פֿון 1 הא, אָדער צו 3500 רובל ברוטאָ־האַכנאָסע, און דאָס האָט שטאַרק געווירקט אַף העכערן דעם לוין פֿאַרן טאָג אַרבעט אינעם קאָלווירט. אויב מע זאָל פֿון דער ברוטאָ־האַכנאָסע פֿאַר ווײַנטרויבן אַראָפּרעכענען די פּראָדוקצירישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע הוצאָעס, און אַן אַנטשפּרעכנדיקע סומע צו דעקן די אַרײַנגעלייגטע געלט־מיטלען, און מע זאָל דעם רעשט טיילן אַף דער צאָל אַרײַנגעלייגט טעג־אַרבעט, וועט דער לוין פֿאַר אַ טאָג אַרבעט אין



די ווײַנגערטנער דערגרייכן ביז 7-8 און אַפֿילע—10 רובל. אויך אין די איבעריקע יאָרן האָבן די געראָטענישן דערגרייכט ביז 250-300 און 400 פּוד פֿון איין הא.

די קלימאַטישע באַדינגונגען אין נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן זײַנען אַביסל האַרבער, איידער אין קאַלינינדאָרפֿער און אין סטאַלינדאָרפֿער ראַיאָנען, וועלכע געפֿינען זיך דאָרעמדיקער און מײַרעוודיקער, אָבער די געבראַכטע פֿאַקטן וועגן דעם, אַז ווײַנגערטער האָבן עקזיסטירט אין די קאָלאָניעס פֿון נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן, און די הויכע עפֿעקטיווקײַט פֿון דער דאָזיקער קולטור אין אַנדערע ייִדישע ראַיאָנען האָבן געווירקט דערויף, אַז מע זאָל צוטרעטן צו ווײַנגערטנערײַ אין אַ סך אַ ברייטערן מאַסשטאַב. אין נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן קומט פֿאַר די אָרגאַניזירונג פֿונעם דאָזיקן געביט שוין אַף דער קאָלווירטישער אָרדענונג, אַף דער באַזע פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און ווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די קאָלווירטן. און ס'איז ניט צופֿעליק וואָס צו פֿלאַנצן ווײַנגערטער נעמען זיך, די מעכטיקסטע קאָלווירטן פֿון די אַלטע קאָלאָניעס, אָדער די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן, וואָס זײַנען קימאַט פֿולשטענדיק באַזעצט.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריקײַטן, וועלכע האָבן זיך באַגעגנט באַם אײַנפֿירן די דאָזיקע נײַע אינטענסיווע קולטור אין קאַלינינדאָרפֿער און סטאַלינדאָרפֿער ראַיאָנען — זײַנען דאָ אויסגעמיטן געוואָרן. די קאָלווירטישע אָרדענונג האָט פֿון פֿאָרויס געגעבן אַ מער פֿולקומע פֿאָרם פֿון אָרגאַנירן דעם דאָזיקן געביט, אַ מער ראַציאָנעלע אָרגאַניזירונג פֿון דער טעריטאָריע פֿאַר ווײַנגערטנער, אַ מער לויטבאַרע פּאַרטיילונג פֿון די צעלן. די ווײַנגערטנער האָט מען פֿון סאַמע אָנהייב אָנגעהויבן פֿאַרפֿלאַנצן קאָלעקטיווע, ווי אַ געביט, וועלכער געהערט צו דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפֿט.

דאָס גרונטלעכע, וואָס האָט פֿון פֿאָרויס באַשטימט די שנעלע אַנטוויקלונג פֿון ווײַנגערטנערײַ און האָט באַדײַטנדיק ביליקער געמאַכט דעם גרעסטן, דעם וויכטיקסטן טייל פֿון די הוצאָעס — דאָס איז די צוגרייטונג פֿונעם באָדן.

אין דער ערשטער צײַט באַם פֿאַרפֿלאַנצן ווײַנגערטנער אין קאַלינינדאָרפֿער און אין סטאַלינדאָרפֿער ראַיאָנען איז די טיפֿע באַאַרבעטונג פֿונעם באָדן אָדער די צוגרייטונג פֿון אַ טיפֿאַקער פֿון 60-70 סאַנטימעטער די טיף, געמאַכט געוואָרן מיט די הענט און האָט געקאָסט צו 600-800 און אַפֿילע 1000 רובל פֿאַר איין הא, אָדער געפֿאָדערט באַ 500-600 טעג שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט פֿון אַ מענטשן. און דערפֿאַר טאַקע האָט דאָס דאָזיקע געביט אין מעשעך פֿון אַ ריי יאָרן ביז דער קאָלעקטיוויזאַציע זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט אין יענע ראַיאָנען.

אין 1928 יאָר האָט מען צום ערשטן מאָל אַרײַנגעפֿירט פֿון אויסלאַנד ספּעציעלע אַקערס מיט ווינדעס. זיי ווערן געבראַכט אין באַוועגונג מיט

דער הילף פונעם טראקטער 15־30, וואָס ווערט סטאציאָנאר אויסגענוצט דורכ איבערוקנ די סיסטעם פונ טראָסנ אונ פארפעסטיקונגענ.

דער טראקטער מיט דער ווינדע רוקט זיכ איבער איינ מאָל א טאָג אָדער איינ מאָל אינ צוויי טעג איבערנ באצירק, ווו ער באארבעט, אָפ־הענגיק פונ זייַנ גרייס.

די פראָדוקטיווקייַט פונ אזא אקער לויטנ טיפ „גיזאָ" איז 0,5 — 1 אייַנ הא א טאָג. דער גאנצער אגרעגאט ווערט באדינט דורכ 2 ־ 3 ארבעטער. דער ווערט פונ דער מעכאניזירטער באארבעטונג פונ א טיפבאָדנ ביז 70 סאנטימעטער, אייַנגעשלאָסנ די אמאָרטיזאציע פונעם אגרעגאט אונ פונ זייַנע טיילנ, דער ווערט פונ די ברענ אונ שמיר־מאטעריאלנ אונ פונ דער ארבעט־קראפט האָט פונ אָנהייב באטראָפנ 140־150 רובל אונ שפעטער 100־120 רובל פאר 1 הא. ניט צונעמענדיק באם קאָלווירט קיינ ארבעט־קראפט אפ דעמ דאָזיקנ טייַערנ אונ גאנצ שווערנ ארבעט־פראָצעס, האָט די מעכאניזירונג פונ אופאקערנ דעמ טיפאקער דערלויבט שנעל צו פאנאנדערוויקלענ די ארבעט, ארומצוכאפנ גרויסע שטעכס אונ פאָרסירנ די פארפלאנצונג פונ ווייַנגערטנער.

אינ נייַזלאטאָפאָלער ראיאָנ איז מענ צום ערשטנ מאָל צוגעטראָטנ צום צוגרייטנ דעמ באָדנ פאר ווייַנגערטנער הארבסט 1928 יאָר, ווענ די דערמאָנטע אגרעגאטנ האָבנ זיכ באוויזנ אינ ראיאָנ. צום אָנהייב האָט מענ אויכ אָנגעווענדט אקערס מיט א שפאנ פונ 8־10 פערד. אָבער דער פארפולקומטער אקער „גיזאָ" מיט א טראקטער האָט ארויסגעשטויסנ אלע איבעריקע מינימ פונ געצייַנ פאר ווייַנטרויבנ־באארבעטונג. מע האָט גע־דארפט לייזנ נאָכ א פראגע, ניט קיינ ווייניקער, אויב ניט קיינ מער וויכטיקע, ווי די פראגע וועגנ א ביליקער אונ שנעלער צוגרייטונג פונעם טיפאקער, דאָס איז די פראגע וועגנ פלאנצ־מאטעריאל. אינ דער דאָזיקער הינזיכט האָט זיכ דער נייַזלאטאָפאָלער ראיאָנ געפונענ טיילווייַז אינ א סאכ א גינסטיקערער לאגע, איידער די אנדערע יידישע ראיאָנענ פונ אוקראינע. נייַזלאטאָפאָלער ראיאָנ געהערט צו די ראיאָנענ, וועלכע האָבנ ניט קיינ מוירע פאר פילאָקסערע. אלס פלאנצ־מאטעריאל קאָנ מענ דאָ אויס־נוצנ ווייַנטרויבנ־צווייַגלעכ, וועלכע מע באקומט פונ אייניאָריקע ווייַנטרויבנ־שטענגלעכ פונ באליביקע אייראָפּייִשע מינימ ווייַנטרויבנ, וועלכע זייַנענ מערער צוגעפאסט אונ זייַנענ מער פארשפרייט אינ דער דאָזיקער גרופע ראיאָנענ. אינ יענע צוויי ראיאָנענ, וועלכע זייַנענ ניט גאָר געזיכערט פונ פילאָקסערע, פלעגט מענ דעמ פלאנצ־מאטעריאל א ריי יאָרנ אימפּאָר־טירנ פונ פראנקרייַכ. בלויז פאר די לעצטע יאָרנ האָבנ די מעלוכישע פלאנצ־פונקטנ פונ „אוקרסאדווינטרעסט" צוגעטראָטנ צום צוגרייטנ פלאנצ־מאטעריאלנ, וואָס זאָל זייַנ געזיכערט קעגנ פילאָקסערע. אָבער די סכוירע־



דיקע פראָדוקציע פונ די דאָזיקע אופּצי־פונקטנ איז נאָכ אויכ איצט אזוי באגרענעצט, אז זי קאָנ ניט באפרידיקנ די פאָדערונגענ פונעם קאָלווירטישנ סעקטער אינ דער ווייַנגערטנערייַ־זאָנע פונ אוקראינע. דער נייַזלאטאָפאָלער ראיאָנ קאָנ ווערנ באזאָרגט מיט פלאנצ־מאטעריאל, ווענ מע זאָל צוגרייטנ ווייַנטרויבנ־שטענגלעכ אינ די ווייַנגערטנער פונ דער זאָנע, וואָס איז זיכער קעגנ פילאָקסערע. דער דאָזיקער פארלייַכטערנדיקער אומשטאנד האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ פאר ניט גאָר קיינ לייַכטנ בא דער פראקטיק־שער יערלעכער צוגרייטונג פונ פלאנצ־מאטעריאלנ פאר עטלעכע צענד־ליק הא. ארויסגייענדיק פונ דער נייטיקייַט צו אָריענטירנ זיכ אפ שטענגלעכ פונ די אקלימאטיזירטע ווייַנגערטנער אונ מינימ, איז ארויסגעקומענ צו פארגרייטנ זיי אינ די ווייַנגערטנער, פונ בערדיאנסקער ראיאָנ.

דער אסאָרטימענט אינ די ווייַנגערטנער באמ אזאָווער יאמ אינ ראיאָנ פונ בערדיאנסק צייכנט זיכ ניט אויס מיט זייַנ פארשיידנארטיקייַט, די גרונטסאָרטנ זייַנענ דאָרט „פלאוויי" אונ „בעריאָזקע", א מינ שאטירונג פונ „ווייַסנ שאסל". אויב דער ערשטער פונ די דאָזיקע מינימ ווערט זייער גוט צייַטיק אפ די זאמדיקע דאָרעמדיקע מאסיוונ פונ בערדיאנסק דראָט א געפאר, אז זייַנע טרויבנ אונ שטענגלעכ וועלנ ניט ווערנ צייַטיק אפנ שווארצערדיקנ באָדנ פונ נייַזלאטאָפאָלער ראיאָנ, וואָס געפינט זיכ 100 — 120 קילאָמעטער צאָפנדיקער. מ'מוז זיכ אָפשטעלנ אפ דער „בעריאָזקע". דאָס איז זייער א ווערטפולער אונ גאנגבארער סאָרט סייַ לויט דער הייכ פונ זייַנ געראָטנקייַט, סייַ לויט זייַנע קוואליטאטיווע אייגנשאפטנ.

צום אונטערשייד פונ אנדערע, מער דאָרעמדיקע, ראיאָנענ פונ ווייַנגער־טנערייַ, אינ וועלכע מע פארפלאנצט שטענגלעכ דירעקט אפ די ווייַנטרויבנ־פלאנטאציעס, האָט דער נייַזלאטאָפאָלער ראיאָנ זיכ געשטעלט אפנ וועג פונ פאָרויס צוגרייטנ שטענגלעכ מיט וואָרצלענ. דאָס זיכערט א שנעלע אויסבילדונג פונ דורכויסיקע מאסיוונ בא א גאנצ געדיכטער פלאנצונג אונ א בעסערער אנטוויקלונג פונעם קוסט. צוליבנ דאָזיקנ ציל איז אינעמ ראיאָנ געגרינדעט געוואָרנ א פלאנצ־פונקט אפ צו באזאָרגנ די נייַ־פאר־פלאנצטע ווייַנגערטנער אינ די קאָלווירטנ מיט פארוואָרצלטנ פלאנצ־מאטעריאל פונ הויכער קוואליטעט. אינ 1931 יאָר האָט מענ אינ דער קאָ־לאָניע נאָוואָדאָראָווקע אויסגעטיילט פאר א פלאנצ־פונקט 1,8 הא בא דער סאזשלקע. דאָס זיכערט, אז מע וועט קאָנענ רעכטצייַטיק באגיסנ די ווייַנגערטנער אינ צייַט פונ א טריקעניש. אינ 1931 יאָר האָט מענ פארפלאנצט 375.000 שטענגלעכ, וועלכע זייַנענ צוגעגרייט געוואָרנ אינ בערדיאנסק. אינ הארבסט דעמ זעלביקנ יאָר האָט דער פלאנצ־פונקט געגעבנ אפ פארפלאנצנ אינ קומענדיקנ פרילינג 122.000 שטיק שטענגלעכ פונעם ערשטנ סאָרט אונ 28.000 פונעם צווייטנ סאָרט.

טויגבארע שטענגלעכ באטרעפנ אפ אזא אויפנ בא 65%. די זעלבסטקאָסטנ באטרעפנ 70—75 רובל פאר טויזנט שטיק אָדער 300 רובל אפ 1 הא. ווײַנטרויבנ־פלאנטאציעס.

די ערשטע האָבנ זיכ גענומענ צו פארפלאנצנ ווײַנגערטנער די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ. דאָס באשאפנ פלאנטאציעס פונ לאנגיעריקע פלאנצונגענ אונ דאָס אײַנפירנ א קולטור פונ אזא הויכער גראָטנקײַט, ווי ווײַנטרויבנ, האָט ניט געקאָנט ניט האָבנ קיינ פסיכאָלאָגישנ עפעקט. צוזאמענ דערמיט האָט עס באשאפנ אויכ אנ עקאָנאָמישנ באדינג פאר דער ווירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פונ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ. אביסל שפעטער איז מענ צוגעטראָטנ צו פארפלאנצנ ווײַנגערטנער אויכ אינ די קאָלווירטנ פונ די אלטע קאָלאָניעס. די אוקראַיִנישע קאָלווירטנ זײַנענ פונ אָנהויב אָנ זייער שווער אײַנגעגאנגענ דערופ אונ בלויז איצט טרעטנ זיי צו צו דער פלאנצונג פונ ווײַנגערטנער.

אינ 1931 יאָר האָבנ די ווײַנגערטנער פונ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ אינ נײַזלאטאָפאָלער ראיאָנ פארנומענ א שטעטכ, וואָס מיט דער גרייס זײַנער אונ מיט דער צאָל קוסטנ, וועלנ מיר זיכ באקענענ פונ דער פאָלגנדיקער טאבעלע:

| נאָמענ פונ ייִשעוו | אויסגעטיילטער שטעטכ | צאָל קוסטנ צום אָנהייב 1932 יאָר: פארפלאנצט פאר פאָריקע יאָרנ | צאָל קוסטנ צום אָנהייב 1932 יאָר: פארפל. אינ 1932 | צאָל קוסטנ צום אָנהייב 1932 יאָר: אינגאנצנ קוסטנ | פארקולטיווירט העקטאר |
|---|---|---|---|---|---|
| „מײַדאָרפ" | 7 | 1 450 | 13 983 | 15 433 | 5,1 |
| „אָקטיאבער־פעלד" | 13 | 7 420 | 18 343 | 25 763 | 8,6 |
| „ראטנפאָל" | 6 | — | 5 250 | 5 250 | 1,7 |
| „מערעזשינאָ" | 12 | 7 020 | 13 944 | 20 964 | 7,0 |
| „קיפערפעלד" | 5 | — | 8 210 | 8 210 | 2,7 |
| „טשובאר" | 3 | — | 5 675 | 5 675 | 1,9 |
| „פרײַדאָרפ" | 7 | — | 11 400 | 11 400 | 3,8 |
| „האָפענונג" | 5 | — | — | — | — |
| אינגאנצנ | 58 | 15 890 | 76 805 | 92 695 | 30,8 |



אינ דעמ זעלביקנ 1931 יאָר זײַנענ אויכ פארפלאנצט געוואָרנ ווײַנגערטנער אינ 3 איבערוואנדערישע ייִשוּוים פונעמ שכייניִשנ פּאָקראָווסקער ראיאָנ, אפ א שטעטכ פונ 14 הא האָט מענ פארפלאנצט 42.190 קוסטנ. צומ סאָפ 1931 יאָר האָבנ די אָנגענומענע קוסטנ באטראָפנ 91,4% פונ דער אלגעמיינער צאָל פארפלאנצטע.

אזא הויכער פּראָצענט אָנגענומענע קוסטנ איז מעגלעכ געווענ א דאנק דעמ אָרגאניזירטנ ארומגיינ, ווי אויכ אדאנק דעמ אומשטאנד, וואָס מע האָט פארפלאנצט אויסשליסלעכ פארוואָרצלטע פלאנצנ.

אינ 1932—1933 יאָרנ האָט מענ פאָרגעזעצט צו פארברייטערנ די פּאַראנענע ווײַנגערטנער אונ מע האָט אויכ פארפלאנצט נײַע ווײַנגערטנער אינ די קאָלאָניעס. איצט פארנעמט דער שטעטכ, וואָס מע האָט אויסגעטיילט פאר ווײַנגערטנער, 102 הא. דער גרעסטער טייל פונעמ דאָזיקנ שטעטכ איז שוינ פארקולטיווירט. א טייל פונעמ שטעטכ איז שוינ ארײַנגעטראָטנ אונ טרעט ארײַנ אינעמ פעריִאָד פונ פרוכטבאדעקונג.

אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די אוקראַיִנישע דערפער זײַנענ פאראנ פאָלגנדיקע שטעטכס ווײַנגערטנער.

| ק אָ ל ו י ר ט נ | שטעטכ פונעמ ווײַנגאָרטנ אינ הא |
|---|---|
| **א. קאָלאָניעס** | |
| „אוואנגארד" — נײַזלאטאָפּאָל | 4 |
| „לוקסעמבורג" — קראסנאָיע סעלאָ | 8 |
| „דזערזשינסקי" — פריִוטנאיא | 11 |
| „פּעטראָווסקי" — גאָרקאיא | 3 |
| „סאָצדאָרפ" — נאָוואָדאָראָווקע | 9 |
| קאָמונע „עמעס" — זעליאָנאָפּאָל | 7 |
| אינגאנצנ | 42 הא |
| **ב. אוקראַיִנישע קאָלווירטנ** | |
| „נאָווא זשיטיא" | 7 הא |

די ערשטע בערעטעניש פון די ווײַנגערטנער איז דער בעסטער סטימול פאר דער ווײַטערדיקער פארברייטערונג פון ווײַנגערטנערײַ. די ווײַנגערטנער ווענדן אפ זיך די אופמערקזאמקײַט אומעטום, ווו זיי זײַנען פאראן, מיט זייערע אקוראט־אָפּגעצאמטע באצירקן (דראָט־פארצאמונגען), מיט זייער ראציאָנעלער פלעגונג, מיט דער ריכטיקער פלאנירונג פון די קוסטן, מיט דער ריינקײַט פון די צווישנרייען, מיט דעם ריכטיק אָרגאניזירטן קאמף קעגן „מילד" (א שוועמל־קרענק פון בלעטער) און קעגן די איבעריקע קרענק און שעדיקער פונעם ווײַנטרויבן־קוסט. אין ראיאָן זײַנען פאראן אלע באדינגונגען צו פארברייטערן די ווײַנטרויבן-קולטור: 3 אגרעגאטן פון דעם מטס אפ צוצוגרייטן דעם טיפאקער, דער פארברייטערטער פלאנצפונקט פאר אופהאָדעווען דעם פארוואָרצלטן פלאנצ־מאטעריאל, די שוין דערוואָרבענע דערפארונג אין דער אגראָטעכניק פון דעם ווײַנטרויבן־שטענגל. ס'זײַנען שוין ניט איינמאָל אָרגאניזירט געוואָרן קורסן פאר ווײַנגערטנערײַ, אפ וועלכע עס זײַנען צוגעגרייט געוואָרן בריגאדירן, וואָס האָבן ניט שלעכט באהערשט די גרונט-עלעמענטן פון דער טעכניק פון ארומשנײַדן, ארומגיין ארום ווײַנגערטנער, פון פירן דעם קאמף קעגן שעדיקער אאוו.

דער נײַער געביט, צו וועלכן מע איז צוגעטראָטן ערשט אין אָנהייב פונעם ערשטן פינפיאָר, וועט צום סאָף פונעם צווייטן פינפיאָר שוין קאָנען געבן באדײַטנדיקע רעזולטאטן. די סאמע באשיידענע אויסרעכענונגען באווײַזן, אז מע קאָן האָפן אפ זייער גוטע רעזולטאטן. דער פארקולטיווירטער שעטעך פון הונדערט מיט עפעס הא וועט צום סאָף פונעם צווייטן פינפיאָר זיך אינגאנצן געפינען אין דער סטאדיע פון פרוכטבאדעקונג. בלויז אָט דער שעטעך, ניט גערעדט וועגן די נײַע שעטעכס, וועלכע וועלן ווערן פארקולטיווירט אינעם צווייטן פינפיאָר, וועט צום סאָף פונעם איצטיקן פינפיאָר קאָנען ארײַנברענגען בא 25.000 פוד ווײַנטרויבן. אויב מע זאָל רעכענען די דורכשניטלעכע יערלעכע בערעטעניש צו 40 — 45 צענטנער פון איין הא, וועט דער שעטעך וואָס די קאָלווירטן פארנעמען אפ ווײַנטרויבן, 0,25 - 1,0% פונעם גאנצן שעטעך ערד־באנוץ, געבן 15% - 20 פון דער גאנצער ברוטאָ-האכנאָסע, וואָס די ווירטשאפט טראָגט ארײַן. באם אָנווײַזן דעם דאָזיקן הויכן ספעציפישן געוויכט האָבן מיר, פארשטייט זיך, אין זינען דעם באדײַטנדיקן אופשטײַג פון אלע פראָדוציר־קרעפטן אין דער לאנדווירטשאפט פונעם ראיאָן. די העכערע בערעטעניש פון די באַארבעטע קולטורן און דעם וווּקס פון פראָדוקטיווקײַט פון דער פיצוכטווי באלד נאָר דער ראיאָן האָט זיך פעסט געשטעלט אפן וועג פון אנטוויקלען ווײַנגערטנערײַ — עפענען זיך פאר אים אום ברייטע פערספעקטיוון אין דער דאָזיקער ריכטונג.



# ארבעט אין די קאָלווירטן

דער נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָן, וועלכער האָט פארענדיקט די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע אין 1931 יאָר, האָט דורכגעמאכט א גרויסן וועג אין הינזיכט פון אָרגאניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פון די קאָלווירטן. פון יאָר צו יאָר האָט ער פארנומען איין פּאָזיציע נאָך דער אנדערער אפן געביט פון רעאליזירן דעם כ׳ סטאלינס לאָזונג וועגן פארוואנדלען די קאָלווירטן אין באָלשעוויסטישע און אלע קאָלווירטניקעס — אין פארמעגלעכע. פון שטאנדפונקט, וויאזוי צו אָרגאניזירן די גרויסע ווירטשאפט, איז באזונדערס אינטערעסאנט די פראגע וועגן ארבעט־אָרגאניזירונג, וועגן דעם אָנטייל פון איינצלנע גרופעס קאָלווירטניקעס אין די ארבעט-פראָצעסן, וועגן דעם ספעציפישן געוויכט פון ארבעט, וואָס ווערט ארײַנגעלייגט אין איינצלנע געביטן פון דער ווירטשאפט און בעמיילע אויך וועגן דער פראָדוקטיווקײַט פון דער ארבעט און וועגן דעם לוין פארן טאָג ארבעט.

מע דארף זאָגן, אז בלויז אין 1931 יאָר איז דער טאָג ארבעט געוואָרן א פעסטע וואליוטע צו צאָלן פאר דער קאָלווירטישער ארבעט. עס איז אויסגעקומען צו פירן א גרויסן קאמף, קעדיי צו ליקווידירן די אויסגלײַכערײַ. דער טאָג ארבעט האָט פארנומען א פעסטע פּאָזיציע אין די אויסרעכענונגען פונעם קאָלווירט מיט זײַנע מיטגלידער. די צאָל טעג ארבעט, אויסגעארבעטע אין דעם אָדער יענעם יאָר, אפ דעם אָדער יענעם געביט, האָט אָנגעהויבן דינען ווי א קריטעריי אפ אויסצורעכענען די ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט. נאָר דער קאָלווירט, וואָס איז געוואָרן א גרויסע אונטערנעמונג, דארף פאראלעל מיט דער שטרעבונג צו העכערן דעם לוין פארן טאָג ארבעט, אויך אָנזאמלען מיטלען פארן ווײַטערדיקן וווּקס פון דער ווירטשאפט. דער כאראקטער פון דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקציע פאָדערט, אז עס זאָלן געשאפן ווערן א רייע פארשיידענע פאָנדן, וועלכע באוואָרענען די פּראָדוקציע פון די קומענדיקע יאָרן. איצט וועלן מיר בלויז קלאָר מאכן וויאזוי זײַנען פארטיילט געוואָרן די האכנאָסעס אין די קאָלווירטן פון פארשיידענע גרופעס, און ווי גרויס איז דער ספעציפישער געוויכט פון איינצלנע הויצאָע־פונקטן אינעם גאנצן קאָלווירטישן בודזשעט.

מיר וועלן נעמען מאטעריאלן פון 1931 יאָר, ווײַל זיי זײַנען מער כאראקטעריסטיש איידער, די אָנגאבן פארן 1932 יאָר, ווען צוליב דער בונטקײַט פון דער בערעטעניש איז געווען באזונדערס שארף אויסגעדריקט דער אונטערשייד פון די צײַגערס אין באזונדערע קאָלווירטן.

דער ספעציפישער געוויכט פון אלע פאָנדן פון די קאָלווירטן אין ראיאָן פאר 1931 יאָר אין פארגלײַך מיט זייער ברוטאָ־האכנאָסע זעט אויס אזוי:


352

1) אָפּצאָל פאר דער ארבעט פונ דער מטס . . . . . 11,4%
2) ווערט פונעמ זריע־אונ סטראכיר־פאָנד . . . . . 11,0%
3) ווערט פונעמ פארגעזעלשאפטלעכטנ פוראזש . . . 17,3%
4) פאר קרעדיטנ דער מעלוכע־באנק . . . . . . . 8,5%
5) פאָנד פונ ניטגעטיילטנ קאפיטאל . . . . . . . 8,0%
6) איבעריקע געזעלשאפטלעכע פאָנדנ . . . . . . 4,6%
7) לאנדווירטשאפטלעכע שטייער . . . . . . . . 2,8%
8) סטראכירונג . . . . . . . . . . . . . . 2,5%
9) פארשיידענע פראָדוציר־הויצאָעס . . . . . . . 2,7%
10) דאָס דינגענ ארבעט־קראפט . . . . . . . . 1,3%
11) אראָפּרעכענונגענ פארנ רייקאָלווירט־פארבאנד . . . 0,5%
12) ארמיניסטראטיווע הויצאָעס . . . . . . . . . 0,4%
13) פאָנד אפּ באצאָלנ די טעג־ארבעט . . . . . . . 29,0%

די רעזולטאטנ פאר א יאָר (1931) אינ איינצלנע גרופּעס קאָלווירטנ זיינענ לויט די אָנגאבנ פונ ,נייזלאטאָפּאָלער רייערד־אָפּטייל געווענ פאָלגנדיקע (אינ רובלס):

| צ יי ג ע ר ס | אינ אוקראיני־שע דערפער | קאָלווירטנ אינ קאָלאָניעס | איבערוו. קאָל־ווירטנ | דורכשניטלעכ אינ ראיאָנ |
|---|---|---|---|---|
| 1. ברוטאָ־האכנאָסע פונ איינ קאָלווירטישע פאמיליע . . . . . . . . | 1 006 | 907 | 957 | 913 |
| 2. פאָנד לויט פאר טאָג־ארבעט (אינ דורכ־שניט פאר איינ קאָלווירטישער פאמיליע) . | 380 | 258 | 184 | 266 |
| 3. % פונעמ פאָנד לויט פאר טעג־ארבעט בענעגייע צו דער ברוטאָ־האכנאָסע . . . | 37,7 | 28,1 | 19,3 | 29,1 |
| 4. דורכשניטלעכער לוינ פאר א טאָג־ארבעט | 1 ר. 65 ק. | 1 ר. 09 ק. | 81 ק. | 1 ר. 15 ק. |
| 5. דערפונ מיט געלט . . . . . . . . | 1 ״ 03 ״ | 44 ״ | 21 ״ | 53 |
| 6. ״ ״ באטור . . . . . . . . . | 62 ״ | 65 ״ | 60 ״ | 62 |
| 7. ברוטאָ־האכנאָסע פאר איינ טאָג־ארבעט . | 4 ״ 32 ״ | 3 ״ 88 ״ | 3 ר. 80 ״ | 3 ״ 97 ״ |
| 8. דורכשניטלעכער צאָל טעג־ארבעט אינ איינ פאמיליע . . . . . . . . | 233 | 233 | 225 | 230 |



די ברוטאָ־האכנאָסע, אונ דאָס הייסט, אויכ די געראָטעניש, זיינענ אינ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ אונ אינ די אלטע יידישע קאָלאָניעס קימאט גלייכ. די ברוטאָ־האכנאָסע פאר 1 טאָג־ארבעט בא די קאָלאָניסטנ האָט באטראָפנ 3 רובל 88 קאָפּ. אונ בא די איבערוואנדערער — 3 רובל 80 קאָפּ.

פאר די לעצטע 2 יאָר זיינענ אינ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ פאראנ גרויסע דערגרייכונגענ אינ היגזיכט פונ אריינציענ די פרויענ אינ די פּראָדוציר־פּראָצעסנ. די אָרגאניזירונג פונ קינדער־יאסלעס אונ קינדער־פּלע־צער האָט אינ דעמ פּראט געשפּילט א באדייטנדיקע ראָליע. באזונדערס איז אויסגעוואקסנ דער ספּעציפישער געוויכט פונ פרויענ־ארבעט אינ די קאָלווירטנ, ווו עס זיינענ דאָ מילכ־פערמעס אָדער פיצוכט־פערמעס. דאָרטנ, ווו ס'איז דאָ א פערמע — ארבעטנ די פרויענ אלס מעלקערנס, פי־אופּפּא־סערנס, בא די קעלבלעכ. זיי ארבעטנ אויכ אינ די פונקטנ פאר צונעמענ אונ איבערארבעטנ די מילכ. די פארגעזעלשאפטלעכטע פיצוכט שאפט א גרויסע באזע פארנ אָנטייל פונ פרויענ אינ דער לאנדווירטשאפט, אונ הע־בערט דערמיט די ריינע האכנאָסע פונ דער קאָלווירטישער פאמיליע.

קעדיי וואָס בעסער אויסצונוצנ די פרייע ארבעט־רעסורסנ אינ די ווייניקער אָנגעשטרענגטע פעריאָדנ פונ יאָר, דארפנ די קאָלווירטנ פאר־ברייטערנ אונ פארפעסטיקנ די פארגעזעלשאפטלעכטע פיצוכט. א גרויסע באדייטונג וואָלט געקאָנט האָבנ דאָס אָרגאניזירנ קוסטאר־געווערבנ, בא וועלכע עס זאָל זיינ באשעפטיקט די איבעריקע ארבעט־קראפט אינ יענע פעריאָדנ, ווענ די פעלד־ווירטשאפט קאָנ זיכ באגיינ מיט א קלענערער צאָל ארבעט־קראפט. די פרווונ צו אָרגאניזירנ קוסטאר־געווערבנ אינ אנדערע יידישע נאציאָנאלע ראיאָנענ האָבנ זיכ פולשטענדיק בארעכטיקט. יענע קאָל־ווירטנ, אינ וועלכע עס זיינענ פאראנ אזעלכע געווערבנ (— טריקאָטאזש־ארבעט, זאָקנשטריקערייַ, קאָרבפלעכטונג, הוטנפוצערייַ, מעבל־פלעכטונג) צייכענענ זיכ אויס מיט א גרעסערער פינאנציעלער שטאנדהאפטיקייט. קימאט אלע ארבעטפייִקע פרויענ באטייליקנ זיכ אזויארומ אינ דער פּראָדוציר־ארבעט, ארבעטנדיק אָדער אינ פעלד, אָדער אינ די קוסטארישע ארטעלנ. די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע האָט דערפונ בלויז נוצנ. אינ די סאמע אָנגעשטרענגטע פעריאָדנ אפנ לאנדווירטשאפטלעכנ פראָנט, (באמ באארבעטנ די דורכאקער־קולטורנ, באמ יעטנ די ברויטנ, בא דער שניט־קאמפּאניע) פארמאכנ זיכ צייטווייליק די קוסטארישע ארטעלנ אונ די מיטגלידער זיי־ערע גייענ ארויס אינ פעלד. נאָר דאָכ האָבנ די דאָזיקע קוסטארישע ארטעלנ די מעגלעכקייט צו ארבעטנ 9-8 כאדאָשימ אינ יאָר. ביז 1933 יאָר איז אינ נייזלאטאָפּאָלער ראיאָנ נאָכ גאָרניט געטאָנ געוואָרנ אינ דער הינזיכט. אייניקע פרווונ זיינענ איצט אינ דער ריכטונג געמאכט געוואָרנ.

די פאָלגנדיקע טאַבעלע ווײַזט וויפֿל אַרבעט איז אין די קאָל[illegible]
ניסטישע ווירטשאַפטן אין 1933 יאָר אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין די קוסטאַ[illegible]
געווערבן:

| נאָמען פון קאָלווירט | אין אַלע אַר-בעטס-טעג | דורכשניט אין געווערבן |
|---|---|---|
| „אוואַנגאַרד" . . . . . . . . | 52 191 | 2 245 |
| „בעזבאָזשניק" . . . . . . . | 13 708 | 1 400 |
| „דזערזשינסקי" . . . . . . . | 42 512 | 2 903 |
| „סאָצדאָרף" . . . . . . . . | 50 500 | 2 148 |
| ר. לוקסעמבורג . . . . . . . | 41 000 | 1 500 |
| א. ג. פון כ' כאַטאַיעוויטש . . | 31 500 | 5 910 |
| „פאַבריציוס" . . . . . . . . | 59 861 | 4 900 |
| קאָמונע „עמעס" . . . . . . . | 105 014 | 6 062 |
| אינגאַנצן . . . . | 396 286 | 37 068 |

צו געווערבן ווערן אין גרעסטן טייל פאַרעכנט די אַרבעטן אין קע[illegible]
זאַוואָדן באַם איבעראַרבעטן מילך, אין די רעמאָנט-וואַרשטאַטן און אַנד.

אָבער אינדוסטריעלע אַרטעלן אָפּ צו פּראָדוצירן קוסטאַרישע אויסאַ[illegible]
בעטונגען, ווי אין קאַלינינדאָרפער און סטאַלינדאָרפער ראַיאָנען, ווי אין די אַ[illegible]
בערוואַנדערישע קאָלווירטן פון קרים — זײַנען אין נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָ[illegible]
נאָך ניטאָ.

אין דער העכער געבראַכטער טאַבעלע וועגן דעם ספּעציפישן געוויכ[illegible]
פון די הויצאָע-פּונקטן, ציט צו זיך צו די אויפמערקזאַמקײַט דער אומשטאַנ[illegible]
וואָס די ייִדישע קאָלאָניסטישע און איבערוואַנדערישע קאָלווירטן, וואָס האָב[illegible]
אין דורכשניט קימאַט איינס און די זעקביקע צאָל טעג אַרבעט אָפּ 1 פּאַמי[illegible]
ליע, שטייען אָפּ פון די אוקראַיִנישע קאָלווירטן אין הינזיכט פון דער
גרייס פון לוין פאַרן טאָג אַרבעט.

טיילווײַז, ווי מיר האָבן שוין דערקלערט, קומט עס פאַר דערפאַר, וואָ[illegible]
אויך אין די אַלטע קאָלאָניעס זײַנען די פּרויען ווייניקער אַרײַנגעצויגן אי[illegible]
די פּראָדוציר-פּראָצעסן פון דער פעלד-ווירטשאַפט. אָבער דער דאָזיק[illegible]



[illegible]אָמענט האָט א שײַכעס בלויז צו א באַגרענעצטער צאָל פּונקטן פון ראַיאָן.
[illegible]אין גרעסטן טייל קאָלאָניעס גיט די קאָלווירטישע אויסגעוואַקסענע פעלד-
[illegible]וירטשאַפט און פיצוכט — די מעגלעכקײַט אָנווענדן פרויען-אַרבעט. דאָס
[illegible]פּשטיין פונעם לוין פאַרן טאָג אַרבעט אין 1931 יאָר דערקלערט זיך דער-
[illegible]מיט, וואָס די קאָלאָניסטישע און די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן האָבן
[illegible]אַרײַנגעלייגט אַסאַך אַרבעט אין בויונג און אין פלאַנצן ווײַנגערטנער, וועל-
[illegible]כע האָבן נאָך ניט געגעבן קיין האַכנאָסע.

אָפּ אַזאַ אויפן איז אויסגעקומען צו טיילן די האַכנאָסע פון דער
[illegible]פעלד-ווירטשאַפט און פיצוכט אָפּ דער גאַנצער צאָל טעג אַרבעט, אײַנגע-
[illegible]שלאָסן אויך די אַרבעט-צײַט, וואָס מע פאַרווענדעט אָפּ בויונג און אָפּ
[illegible]אינטענסיווע קולטורן.

די בויונג איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין 1932 און אין 1933 יאָרן.
[illegible]ס'וועט זײַן געגוג צו ברענגען מאַטעריאַלן פאַרן 1933 יאָר:

די אַלגעמיינע צאָל טעג אַרבעט אין 1933 יאָר אין 11 קאָלווירטן פון
[illegible]די אַלטע קאָלאָניעס — באַ 437.552, פון זיי אָפּ בויונג — 10816, אָדער 2,2%,
[illegible]אָפּ פלאַנצן ווײַנגערטנער — 6828 אָדער 1,4%, אינגאַנצן 3,6% פון דער
[illegible]אַלגעמיינער צאָל טעג-אַרבעט.

די אַנטוויקלונג פון פיצוכט, פון ווײַנגערטנערײַ, און פון קוסטאַרישע
[illegible]געווערבן וועט זיכערן א גרעסערן אָנטייל פון פרויען-אַרבעט אין דער
[illegible]קאָלווירטישער פּראָדוקציע. נאָר אפילו אָפּ דער איצטיקער אַנטוויקלונג-
[illegible]סטאַדיע, וואָלט די פרויען-אַרבעט געקאָנט האָבן א קאָלאָסאַל גרעסערן ספּעציפישן
[illegible]געוויכט, ווען מע זאָל שאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע שטייגערישע באַדינגונגען.

דאָס אָרגאַניזירן קינדער-יאַסליעס און קינדער-פּלעצער, ניט בלויז אָפּ
[illegible]דער צײַט פון דער שניט-קאַמפּאַניע, נאָר אויך אָפּן גאַנצן יאָר, דאָס פאַר-
[illegible]ברייטערן און ראַציאָנאַליזירן די געזעלשאַפטלעכע דערנערונג, די געזעל-
[illegible]שאַפטלעכע בעקערײַען, וועשערײַען אאַוו. — דאָס אַלץ וועט באַפרײַען די פרוי-
[illegible]ען פון דער נייטיקײַט צו באַשעפטיקן זיך מיט דער ווייניק-פּראָדוקטיווער
[illegible]שטוב-אַרבעט.

א געוויסן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאַר די מאַטעריאַלן וועגן דעם,
[illegible]ווי[illegible]אַזוי עס איז אין די קאָלווירטן פאַרטיילט די פאַרווענדעטע אַרבעט לויט די
[illegible]פאַרשיידענע געביטן.

מיר וועלן ברענגען דאָ אָנגאַבן פאַרן 1933 יאָר וועגן די קאָלווירטן
[illegible]אין די אַלטע קאָלאָניעס, ווײַל וועגן זיי זײַנען פאַראַן די אָמערסטן פולע
[illegible]אָנגאַבן.

אינגאַנצן איז אין 11 קאָלווירטן פון די קאָלאָניעס אין 1933 יאָר
[illegible]פאַרווענדעט געוואָרן 437.556 טעג אַרבעט, וועלכע זײַנען פאַרטיילט געוואָרן
[illegible]לויט די איינצלנע אַרבעט-געביטן אָפּן פאָלגנדיקן אויפן:

## א. קאָלווירטן אין קאָלאָניעס

### אָנגאבן וועגן 8 קאָלאָניעס פון 11

| קאָלווירטן | פון 100 ביז 200 טעג אַרבעט | פון 200 ביז 300 טעג אַרבעט | פון 300 ביז 400 טעג אַרבעט | פון 400 ביז 600 טעג אַרבעט | מער פון 600 | אינגאנצן: פאמיליעס | אינגאנצן: טעג אַרבעט | דורכשניטלעכע צאָל טעג אַרבעט אף 1 פאמיליע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל פאמיליעס לויט זייער אויסאַרבעטונג | | | | | אינגאנצן | | |
| 1. „אוואנגארד" | 5 | 21 | 21 | 50 | 13 | 110 | 52.91 | 474 |
| 2. „ליבקנעכט" | 15 | 17 | 4 | 2 | — | 38 | 13708 | 360 |
| 3. „דזערזשינסקי" | 4 | 14 | 16 | 33 | 19 | 86 | 42512 | 494 |
| 4. „סאָצבאַרפ" | 12 | 18 | 48 | 36 | 15 | 129 | 50500 | 391 |
| 5. „פעטראָווסקי" | 17 | 20 | 18 | 18 | 5 | 78 | 29300 | 375 |
| 6. א. נ. פון כ' כאַטאַיעוויטש | 16 | 24 | 15 | 15 | 18 | 88 | 31500 | 358 |
| 7. „פאבריציוס" | 7 | 8 | 14 | 30 | 45 | 104 | 59861 | 575 |
| 8. קאָמונע „עמעס" און „פאָסטישעוו" | 8 | 17 | 20 | 45 | 85 | 175 | 125014 | 714 |
| אינגאנצן | 84 | 139 | 156 | 229 | 200 | 808 | 404586 | 500 |
| אין % % | 10,4 | 17,2 | 19,3 | 28,3 | 24,8 | 100 | — | — |



## ב. אין די [illegible] קאָלווירטן

| קאָלווירטן | פון 100 ביז 200 טעג אַרבעט | פון 200 ביז 300 טעג אַרבעט | פון 300 ביז 400 טעג אַרבעט | פון 400 ביז 600 טעג אַרבעט | העכער 600 | אינגאנצן פאמיליעס | אינגאנצן טעג אַרבעט | דורכשניטלעכע צאָל טעג אַרבעט אף 1 פאמיליע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל פאמיליעס לויט זייער אויסאַרבעטונג | | | | | | | |
| „8-טער מארט" | — | 17 | 21 | 22 | 10 | 70 | 32000 | 457 |
| „רויטער פויער" | 3 | 12 | 16 | 22 | 9 | 62 | 28000 | 451 |
| „אָקטיאבער" | 10 | 13 | 11 | 32 | 19 | 85 | 37200 | 438 |
| „ראטנפויער" | 7 | 13 | 3 | 8 | 2 | 33 | 11420 | 346 |
| אפּגעזאָגט פון כ' סטאלינ | 3 | 10 | 33 | 19 | 6 | 71 | 32200 | 453 |
| „פּאַריס" | 4 | 8 | 19 | 18 | 4 | 53 | 21150 | 400 |
| „גייעבנ" | 7 | 7 | 9 | 20 | 11 | 54 | 27105 | 502 |
| „10 יאָר קנס" | 2 | 5 | 6 | 15 | 2 | 30 | 15185 | 506 |
| „10 יאָר קסמ" | 4 | 14 | 15 | 21 | 16 | 70 | 34000 | 485 |
| „פּאַריזשער קאָמונע" | 2 | 6 | 8 | 4 | 2 | 22 | 8700 | 395 |
| „האָפענונג" | — | 6 | 9 | 26 | 4 | 45 | 25600 | 568 |
| „משובאר" | 2 | 10 | 7 | 10 | 5 | 34 | 2500 | 735 |
| „רויטפעלד" | — | 15 | 19 | 28 | 16 | 78 | 40000 | 512 |
| אינגאנצן | 44 | 136 | 176 | 245 | 106 | 707 | 315060 | 477 |
| אין % | 6,2 | 19,2 | 24,9 | 34,7 | 15,0 | 100,0 | — | — |

1. פעלדצוכט . . . . . . . . . 246 649
2. דאָס ארומגיינ ארומ ארבעט־פי . . . . . 12 667
3. דאָס ארומגיינ ארומ פראָדוקטיווע פי . . . . 73 832
4. גערטנעריי . . . . . . . . . 6 828
5. ארבעט אינ ווארשטאטנ . . . . . . . 27 095
6. ארמיניסטראטיוו־ווירטשאפט. ארבעט . . . . 24 130
7. בינענצוכט . . . . . . . . . 8 900
8. בויונג . . . . . . . . . . 10 816
9. איבעריקע ארבעטנ . . . . . . . 62 639

| | | |
|---|---|---|
| אינגאנצנ . . . . . . . | 473 556 אָדער | 100% |
| דערפונ געדונגענע ארבעטסקראפט . . . . | 16 012 „ | 3,3% |
| ארבעט פונ קאָלווירטניקעס . . . . . . | 457 544 אָדער | 96,7% |
| דערפונ ארבעט פונ טראקטאָריסטנ . . . . | 11 614 „ | 2,5% |

דעמ גרעסטנ אינטערעס פונ דעמ שטאנדפונקט, וויאזוי איינצלנע גרו־פעס קאָלווירטניקעס באטייליקנ זיכ אינ דער ארבעט פונ קאָלווירט, שטעלנ מיט זיכ פאָר די מאטעריאלנ וועגנ דעמ, וויאזוי עס גרופירנ זיכ די קאָל־ווירטישע פאמיליעס לויט דער צאָל אויסגעארבעטע טעג־ארבעט אפ א פא־מיליע.

אָט זיינענ די אָנגאבנ פארנ 1933 יאָר:

(זע די טאבעלע „א. קאָלווירטנ אונ קאָלאָניעס“ אפ דער זייט 118).

ווי ס'איז צו זענ, איז די גרעסטע צאָל טעג ארבעט אפ 1 פאמיליע געווענ אינ יענע קאָלווירטנ, אינ וועלכע ס'איז אויסער פעלד־צוכט געווענ שטארק אנטוויקלט די פיצוכט. וואָס גרעסער ס'איז די פירמע, אלצ מער פאָדערט זי ארבעט. אינ דער קאָמונע „עמעס“, ווי אלע עלעמענטנ פונ דער ווירטשאפט זיינענ פארגעזעלשאפטלעכט, ווערנ אויכ א גאנצע ריי שטיי־גערישע נויטנ באדינט דורכ די קאָמונארנ אפנ כעזשבנ פונ טעג ארבעט. דאָרטנ איז טאקע געווענ די גרעסטע צאָל טעג ארבעט אינ אלגעמיינ אינ דער ווירטשאפט, אונ אינ דורכשניט אפ יעדע פאמיליע.

לאָמיר א קוק טאָנ, וויאזוי ס'ווערנ פאנאנדערגעטיילט לויט דער צאָל פארווענדעטער ארבעט די גרופעס פאמיליעס אינ די איבערוואנדערישע קאָל־ווירטנ, וואָס פאר א פארהעלטעניש איז דאָ פאראנ צווישנ די דאָזיקע גרופעס:

(זע די טאבעלע „ב. אינ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ“ אפ דער זייט 119).

לאָמיר איצט אריבערגיינ צו די רעזולטאטנ פונ 1933 יאָר אינ די קאָלווירטנ. ווי גרויס איז דער לוינ פארנ טאָג ארבעט מיט געלט אונ מיט באטור אונ אפ וויפל די קאָלווירטניקעס זיינענ געזיכערט מיט פראָדוקטנ פונ פעלד־צוכט אינ רעזולטאט פונעמ ווירטשאפטלעכנ יאָר.



| קאָלווירטנ | לוינ פארנ טאָג ארבעט: מיט געלט (אינ רובלענ) | לוינ פארנ טאָג ארבעט: מיט טווע (אינ קלגר) | ארויסגעגעבנ ביזנ 1/I 34 יאָר אפ 1 טאָג ארבעט: מיט געלט (אינ רובלענ) | ארויסגעגעבנ ביזנ 1/I 34 יאָר אפ 1 טאָג ארבעט: ניט טווע אינ קג: אינגאנצנ | ארויסגעגעבנ ביזנ 1/I 34 יאָר אפ 1 טאָג ארבעט: ניט טווע אינ קג: דערפונ: דערנערונג | דורכשניטל. צאָל טעג ארבעט אפ 1 פאמיליע | אינ דורכשניט באקומט איינ פאמיליע: אינגאנצנ טווע אינ צענטנער | אינ דורכשניט באקומט איינ פאמיליע: אינגאנצנ געלט אינ רובלענ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **א. קאָלאָניעס** | | | | | | | | |
| „אוואנגארד“ . . . . | 1,15 | 7,2 | 0,16 | 4,5 | 2,0 | 474 | 34,2 | 545 |
| „ליבקנעכט“ . . . . | 0,68 | 3,1 | 0,18 | 3,1 | 1,0 | 367 | 11,4 | 250 |
| „דזערזשינסקי“ . . . | 1,40 | 6,0 | 0,75 | 4,0 | 1,0 | 494 | 29,6 | 691 |
| „סאָצדראָרפ“ . . . . | 0,70 | 3,2 | 0,20 | 3,0 | 0,9 | 391 | 12,5 | 273 |
| א. נ. פונ כ' פעטראָווסקי | 0,57 | 2,5 | 0,18 | 2,0 | 1,0 | 375 | 9,4 | 214 |
| א. נ. פונ ר. לוקסעמבורג | 0,70 | 5,2 | 0,10 | 4,0 | 1,5 | 427 | 22,2 | 299 |
| א. נ. פונ כ' כאטאיעוויטש | 1,31 | 3,5 | 0,10 | 3,5 | 0,7 | 358 | 12,5 | 469 |
| „פאבריציוס“ . . . . | 1,05 | 3,9 | 0,80 | 3,9 | 1,0 | 575 | 22,4 | 604 |
| „עמעס“ . . . . . . | 1,70 | 3,5 | 0,22 | 2,5 | 1,0 | 714 | 25,0 | 764 |
| **אוקר. קאָלווירטנ** | | | | | | | | |
| „נאָווא זשיטיא“ . . . | 0,45 | 6,2 | ניטאָ קיינ ידיעס | | — | 353 | 21,9 | 159 |
| „קאָמונאר“ . . . . . | 0,78 | 4,7 | „ | „ | — | 488 | 22,9 | 380 |
| **ב. איבערוואנדע־רישע קאָלווירטנ** | | | | | | | | |
| „8־מער מארט“ . . . | 0,50 | 2,5 | 0,20 | 1,8 | 0,8 | 457 | 11,4 | 288 |
| „רויטער פויער“ . . . | 0,40 | 2,0 | 0,20 | 1,6 | 0,8 | 451 | 9,0 | 180 |
| „אָקטיאבער“ . . . . | 0,91 | 2,2 | 0,30 | 1,8 | 1,0 | 438 | 9,6 | 399 |
| „ראטנפויער“ . . . . | 0,90 | 2,7 | 0,27 | 1,8 | 1,0 | 346 | 9,4 | 311 |
| א. נ. פונ כ' סטאלינ . | 0,35 | 2,5 | — | 2,2 | 1,0 | 453 | 11,3 | 158 |
| „מארויס“ . . . . . | 0,50 | 4,0 | 0,10 | 3,0 | 1,0 | 400 | 16,0 | 200 |
| „נייעבנ“ . . . . . . | 0,50 | 3,0 | — | 2,0 | 1,0 | 502 | 15,0 | 251 |
| „10 יאָר קנס“ . . . . | — | 4,1 | — | 2,3 | 1,3 | 506 | 20,7 | — |
| „10 יאָר קסמ“ . . . . | — | 3,0 | — | 2,0 | 1,2 | 485 | 14,5 | — |
| „פאריזשער קאָמונע“ . | 0,30 | 3,0 | 0,12 | 1,8 | 1,8 | 395 | 11,8 | 118 |
| „האָפענונג“ . . . . . | — | 3,0 | — | 2,0 | 1.0 | 568 | 17,0 | — |
| „שובאר“ . . . . . . | 0,30 | 3,0 | — | 1,5 | 1,0 | 735 | 22,0 | 220 |
| „רויטפעלד“ . . . . | — | 4,0 | — | 2,5 | 1,0 | 512 | 20,5 | — |

מיר האָבן שוין געזען, אַז די גערעטעניש פֿון 1933 יאָר איז אין נײַזלאָטאָפּאָלער ראַיאָן געווען נידעריקער פֿון דורכשניט. די ווינטער-טוועס האָבן געליטן, און אָנשטאָט די געוויינלעכע 10־12 צענטנערס האָבן זיי געגעבן צו 6,5־6 צענטנערס פֿון איין הא. די הויכע גערעטעניש פֿון די זומער-טוועס האָט ניט געקאָנט פֿולשטענדיק קאָמפּענסירן די פֿאַרקלענערטע גערעטעניש פֿון די ווינטערדיקע דערנערונג-קולטורן. דאָך איז דער נאַטור־אָפּצאָל פֿאַרן טאָג אַרבעט אין די קאָלווירטן געווען גענוג גרויס אַז צו קאָנען זיכערן די קאָלווירטניקעס מיט די נייטיקע פּראָדוקטן און איז געווען באַדײַטנדיק העכער איידער אין 1932 יאָר.

דאָס איז צו זען פֿון פֿאָלגנדיקער טאַבעלע:

(זע די טאַבעלע אַף דער זײַט 121).

נאָר אַכוץ ברויט—טוועס פֿלעגט מען די קאָלווירטניקעס אָפּן כעזשבן פֿון אָפּצאָל פֿאַר די טעג אַרבעט אַרויסגעבן אויך אַנדערע פּראָדוקטן: קאַרטאָפֿל, גרינס, בוימוואָל, פֿוראַזש פֿאַר פֿי, וואָס געפֿינט זיך אין אינדיווידועלן באַנוץ און שטרוי אַף הייצן.

די קאָלווירטן האָבן אויסגעפֿילט אַלע פּלענער פֿון די פֿאַרגרייטונגען פֿאַר דער מעלוכע, זיי האָבן זיך באַזאָרגט מיט פֿאַרזיי-מאַטעריאַלן, האָבן זיך אָפּגעכעכנט מיט דער מ.ט.ס., האָבן געדעקט די פֿאַרשולדיקטקייט לויט קרעדיטן און האָבן געדעקט קימאַט אַלע איבעריקע צאָלונגען.

אָפּן אַלגעמיינעם פֿאָן פֿון דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, ווען עס איז שוין פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן דער איבעראָך אין דער ווירטשאַפֿטלעך־פּאָליטישער לאַגע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע אין לאַנד, ווען דער באַלעגופּישער סאַבאָטאַזש האָט שוין באַקומען א טויט-קלאַפּ, ווען די פּאַרטיי האָט באַהערשט די אָנפֿירונג מיט די קאָלווירטן, ווען מיר האָבן שוין צו טאָן מיט א מאַסעוון קער פֿונעם פּויערטום אָפּן. ווען צו איינהײַטלעכער און ענערגישער אַרבעט אַף דער נײַער קאָלעקטיווויסטישער באַזע—איז אַף דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם פֿאָן באַזונדערס בולעט און רעליעף דער קאָנטראַסט אין דער לאַגע פֿון די ייִדן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט אינעם ערעוו רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד און איצט. און דער בײַשפּיל פֿונעם נאַציאָנאַלן נײַזלאָטאָפּאָלער ראַיאָן, אין וועלכן ייִדן־קאָלאָניסטן האָבן נאָך ביז דער איבערוואַנדערונג אויסגעבילדעט דעם באַדײַטנדיקסטן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג—איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש. ער איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז מיט זײַן נײַער מאַשינ־טעכניק, נאָר אויך מיט נײַע אַרבעט־מעטאָדן. דער קאָנטראַסט איז זייער א שאַרפֿער ניט בלויז באַם פֿאַרגלײַכן די פּעריאָדן פֿון פֿאַר און נאָך דער רעקאָנסטרוקציע, נאָר אַפֿילע אין די ראַמען בלויז פֿון די לעצטע פֿאָר יאָר. נאָך גאָר ניט לאַנג, מיט א יאָר 2־3 צוריק האָבן



זיך מיט א באַזונדער רעליעפֿקייט אָנגעהויבן אָנמערקן די שטריכן פֿון דער נײַער קאָלווירטישער אָרדענונג. גלײַכצײַטיק מיט די קאָלווירטן, וואָס האָבן דערגרייכט צו שנעלע עפֿעקטיווע רעזולטאַטן אין פֿראַט פֿון פֿאַרפֿעסטיקן זייער ווירטשאַפֿט און פֿון זיכערן זייער ווײַטערדיקן וווּקס, וואָס האָבן דערצויגן א נײַע סאָציאַליסטישע באַציִונג צו אַרבעט, געשאַפֿן א נײַע פּסיכאָלאָגיע בא די קאָלווירטישע מאַסן, זײַנען געווען אַנדערע קאָלווירטן, וואָס זײַנען ניט אַרויסגעקראָכן פֿון דורכרײַסן איבער זייער אומווירטשאַפֿטלעכקײַט, אינערטקײַט און צעפֿלאָסנקײַט אין פֿראַט פֿון אַרבעט-אָרגאַניזאַציע. דער קאָנטראַסט איז געווען אַף אַזויפֿיל שרײַענדיק, דער אונטערשייד פֿון די רעזולטאַטן אין דער ווירטשאַפֿט בא די און בא יענע איז געווען אַף אַזויפֿיל בולעט, אַז ניט ווילנדיק האָט יעדער קאָלווירטניק זיך געמוזט פֿאַרטראַכטן און זוכן די סיבע פֿונעם דערפֿאָלג און פֿון די דורכרײַסן בא יענע, און ער האָט זיי געמוזט געפֿינען אין דער באַציִונג פֿון קאָלווירטניק צו דער אַרבעט.

די בײַשפּילן פֿון גוטער אַרבעט האָבן געשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע. ס'האָבן זיך לויט זיי אָנגעהויבן גלײַכן די אָפּגעשטאַנענע קאָלווירטן.

די בעסטע קאָלווירטן האָבן געוויזן א בײַשפּיל פֿון מאָנאָליטקײַט און אָרגאַניזירטקײַט. דער וווּקס פֿון זייער וווילשטאַנד איז געווען א סטימול פֿאַר אַנדערע. זיך נעמען אַף אַן עמעס צו דער אַרבעט, פֿאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקײַט, אויפֿדעקן אַלע פּרוּוון פֿון די באַלעגופּישע עלעמענטן צו שטערן דער קאָלווירטישער בויונג, אָפּהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ, דאָס געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרמעגן.

אַלס איליוסטראַציע פֿון די דאָזיקע קאָנטראַסטן וועלן מיר ברענגען עטלעכע בײַשפּילן.

וואָס האָט מיט זיך אין די ערשטע יאָרן נאָכן בירגערקריג פֿאָרגעשטעלט די אַלטע ייִדישע קאָלאָניע זעליאָנאָפּאָל און וואָס שטעלט זי מיט זיך פֿאָר איצט? אויב אין די פֿאַררעוואָליוציאָנערע יאָרן איז אין דער דאָזיקער קאָלאָניע, וועלכע האָט געציילט בא 150 הויפֿן, געווען שאַרף אויסגעדריקט די קלאַסנ־דיפֿערענצירונג, ס'איז געווען א באַדײַטנדיקער פּראָצענט אָנפּערדיקע אָן אינווענטאַרנדיקע ווירטשאַפֿטן, וואָס זייער ערד פֿלעגן זיי אָפּגעבן אין אַרענדע די רײַכע ווירטשאַפֿטן. די עטלעכע באַלעגופּים האָבן ניט באַגרענעצט זייער טעטיקײַט בלויז מיטן פֿאַרבהייטערן זייערע פֿאַרזיי-שעטעכס. זיי האָבן דערצו נאָך געהאַנדלט מיט מילכ-פּי, זיי פֿלעגן אויפֿקויפֿן בעהיימעס אין דער אומגעגנט און זיי פֿאַרקויפֿן אין די שאַכטעס פֿון דאָנבאַס. די דאָזיקע געשעפֿטמאַכערס פֿלעגן אויסנוצן אַסאַך מיטל-פּויערים, וועלכע זײַנען געווען געצוווּנגען זיי צו צאָלן הויכע פּראָצענטן פֿאַרן געליִענעם געלט. זיי פֿלעגן זיך אויך פֿאַרנעמען מיט צושטעלן מילכ-פּי פֿאַר דאָנבאַס.

א רײ יאָרנ האָט עקזיסטירט די דאָזיקע פאַרנאָסע. דער גאַנצער רעװוּח פונ דעם דאָזיקנ האַנדל פלעגט אַרײַנפאַלנ אינ די קעשענעס פונ די דאָזיקע „באַלעטויװעניקעס", װעלכע פלעגנ אַלס צוגאָב צו די הויכע פראָצענטנ אַת צו די הויכע רעװאָכימ באַקומענ נאָכ אױכ א דאַנק פאַר זײערע „טויװעס".

אינ דער צײַט פונ דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע אונ פונעמ בירגער־קריג האָט די קאָלאָניע דעגראַדירט. דאָס שװערע 1921 יאָר האָט צעטריבנ א סאַכ קאָלאָניסטנ איבער די שאַכטעס, אונ סטאַנציעס. צומ אָנהײב 1922 יאָר איז אינ זעליאָנאָפאָל פאַרבליבנ אינגאַנצנ 45 פאַמיליעס. דאָס גאַנצע פי פונ די דאָזיקע װירטשאַפטנ איז באַשטאַנענ פונ 4 פערד, 27 קי אונ 2 קעלבלעכ. דער טויטער אינװענטאַר פונ הוילנ אַלטװאַרג. אַלצ, װאָס האָט עפעס געהאַט א װערט, האָט מענ אינ 1921 יאָר פאַרקויפט קימאַט פאַר אומזיסט. אפנ אײַנגעהיטנ פאָטאָגראַפישנ בילד, װאָס מע האָט געמאַכט אינ פרילינג 1922 יאָר, איז פאַרפיקסירט א גרופע פרויענ־אַלמאָנעס, װאָס האָבנ זיכ אײַנגעשפאַנט אינ בוקער, קעדײ צו אופאַקערנ די גערטנער פאַר קוקורוזע. אָט דאָס דאָזיקע בילד גיט א קלאָרע פאָרשטעלונג װעגנ דעמ װירטשאַפטלעכנ צושטאַנד פונ דער קאָלאָניע צו יענער צײַט. דער גאַנצער „װינטערקליג" האָט פאַרנומענ בלויז 28 הא. די פעלדער זײַנענ פאַרװאָקסנ געװאָרנ מיט װילדגראָז. די הײַזער האָבנ זיכ אײַנגעהויקערט. א סאַכ הויפנ האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט כורװעס אונ רויִנעס. אָבער גאָר אינגיכנ האָבנ זיכ שוינ געלאָזט פילנ די באַמיִונגענ פונ דער ראַטנמאַכט צו העלפנ די קאָלאָניעס. די װירטשאַפטנ האָבנ אָנגעהויבנ אופגעשטעלט צו װערנ, מע האָט אָנגעהויבנ אַרײַנפירנ פי. ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צונויפאָרנ די קאָלאָניסטנ. דער פאַרזײ־שעטעכ האָט אָנגעהויבנ זיכ צו פאַרברײטערנ. אפ די פעלדער האָט זיכ װידער באַװיזנ דער אַקער. שוינ אינ 1924 יאָר האָבנ זיכ אינ דער קאָלאָניע אָרגאַניזירט 2 אַרטעלנ אונ דער טראַקטער האָט אָנגעהויבנ אַרומשפּאַצירנ איבער די אַלטע שװאַרצבראָכ־פעלדער. די הײַזער האָט מענ אָפגערעמאָנטירט. אינ 1928 יאָר זײַנענ אינ זעליאָנאָפאָל שוינ געװענ 108 פאַמיליעס. ס'איז היפּש פאַרגרעסערט געװאָרנ די צאָל שלעפ־קראַפט. די צאָל פערד האָט דערגרײכט ביז 130. אויכ די סטאַדע פונ גרויסנ האָרנ־פי האָט שוינ געציילט 170 קי. ס'איז באַנײַט געװאָרנ אויכ דער טויטער אינװענטאַר. אָבער דאָס זײַנענ געװענ די אַלגעמײנע אָנגאַבנ װעגנ דער קאָלאָניע, װאָס זאָגנ קײנ זאַכ ניט װעגנ דער כאָטש באַגרענעצטער, נאָר דאָכ װאַקסנדיקער מאַכט פונעמ באַלעגופ, װעגנ דער אומבאַהאָלפנקײַט אונ דאַלעס פונעמ אָרעמפויער. אָנפערדיקײַט, אָנבעהײמעסדיקײַט, אָנינװענטאַר־קײַט, אַרענדע אונ די איבעריקע אַטריבוטנ פונ דאָרפ, װאָס איז צעטײלט אפ קלאַסנ־גרופירונגענ, זײַנענ געװענ כאַראַקטעריסטיש אויכ פאַרנ אופגעריכטנ דאָרפ. פונ דער אַנדער זײַט, האָבנ די קאָלאָניסטנ אינ משעכ פונ



א רײ יאָרנ געזענ, װי עס איז געװאָרנ פעסטער די װירטשאַפט פונ די צװײ אַרטעלנ, דער טראַקטער האָט שוינ באַװיזנ זײַנ מעכטיקײַט, די קאָלװירטישע ברײטע מאַסיװנ האָבנ שוינ אַרויסגעװיזנ זײערע מײַלעס אינ פאַרגלײַכ מיט דער צעשפּליטערונג פונ די אינדיװידועלע װירטשאַפטנ. אונ 20 אָרעמפויערימ, װעלכע זײַנענ געװענ פול מיט אַנטשלאָסנקײַט צו קעמפנ פאַר דער נײַער קאָלװירטישער אָרדענונג, האָבנ אָרגאַניזירט די ערשטע קאָמונע אינ ראַיאָנ. די דאָזיקע קאָמונע, װעלכע האָט זיכ א נאָמענ געגעבנ „עמעס" אונ װעלכע האָט דורכגעלעבט א רײ שװעריקײַטנ, איז טראָטנ טראָט געגאַנגענ מיט איר װעג צומ ציל — באַשאַפנ א גרויסע מוסטערהאַפטע װירטשאַפט. אינ מעשעכ פונ 3 יאָר איז זי בעעמעס טאַקע געװאָרנ אַזא. שוינ צומ 1931 יאָר האָט זי פאַרײניקט די גאַנצע אַרבעט־דיקע באַפעלקערונג פונ דער קאָלאָניע אינ באַשטאַנד פונ 147 פאַמיליעס אונ 612 נעפאַשעס מיט א רעזערװ אַרבעט־קראַפט פונ 390 מאַנ. די קאָמונע שטעלט איצטער מיט זיכ פאָר דעמ שטאָלצ פונעמ ראַיאָנ. שוינ אינ 1931 יאָר האָט די קאָמונע פאַרמאָגט א רײַכע װירטשאַפט. זי צײכנט זיכ אויס מיט אירע נײַע פאַרברײטערטע געבײַדעס, מיט איר נײַעמ געזעלשאַפטלעכנ שטײגער, מיט איר נײַער באַציִונג צו אַרבעט אַאַװ. די מילכ־פערמע פונ דער קאָמונע האָט שוינ אינ 1931 יאָר געציילט בא 190 קי, 136 עקסלעכ אונ קעלבלעכ, די בעסטע פראָדוצירער־בוהײַעס, די בעסטע האָגערס פאַרמאָגט די קאָמונע.

אָנגעהויבנ צו אָרגאַניזירנ די כאַזײרימ־צוכט פערמע בלויז מיט עטלעכע כאַזײרימ, פאַרמאָגט די קאָמונע אינ 1931 יאָר שוינ גאַנצע 300 שטיק, אונ מיט א האַלבנ הונדערטער כאַזײרימ־מוטערס פונ א רײנ יאָרקשירער אונ מעטיסנ־ראַסע. די קאָמונע שטעלט צו דער מעלוכע צענדליקער טויזנטער פוד ברויט, הונדערטער פוד פלײש. בלויז כאַזײרימ האָט די קאָמונע צוגעשטעלט 130 שטיק. דאָס מילכ־פי פונ דער זעליאָנאָפאָלער קאָמונע צײכנט זיכ אויס מיט א הויכער פראָדוקטיװקײַט. דאָרטנ געפינט זיכ אײנער פונ די בעסטע קעז־זאַװאָדנ, װעלכער שטעלט צו האָלענדישנ קעז די גרויסע אַרבעטער־צענטרענ.

די דורכשניטלעכע יערלעכע געמעלק־נאָרמע פונ א בעהײמע איז געװענ 1424 ליטער אינ 1930 יאָר. אינ 1931 יאָר איז די נאָרמע געשטיגנ ביז 1636 ליטער, דער פּראָצענט פעטס אינ דעמ מילכ איז געשטיגנ פונ 3,8 אינ 1930 יאָר ביז 4,0 פּראָצ. אינ 1931 יאָר.

א באַזונדער אָרט פאַרנעמט די בינענ־פאַסינקע אינ דער קאָמונע, װאָס האָט שוינ אינ 1931 יאָר פאַרמאָגט ביז 700 בינ־שטאָקנ.

אינ דער קאָמונע געפינט זיכ די בעסטע אינעמ ראַיאָנ געבײַדעס פאַר פי אונ 2 סילאָס־טורעמס, װעלכע קאָנענ אינ זיכ אַרײַנעמענ ביז

20.000 טויזנט פוד. אגעוו, די אלע נײַע געבײַדעס זײַנענ אויסגעבויט פונ ציגל פונ אייגענער פראָדוקציע. די קאָמונע האָט פארפלאנצט אפ 6 הא א ווײַנגאָרטנ. זי פארמאָגט אויכ א יונגנ פרוכט־סאָד אונ א פלאנטאציע פונ מאלינע. אָט וואָסערע רעזולטאטנ זײַנענ געווענ נאָכ מיט 2 יאָר צוריק, אונ איצט איז די קאָמונע נאָכ מער פארפעסטיקט געוואָרנ. דאָס פאריייניקנ זיכ צו דער קאָמונע פונ דער שכייניש‎ער קאָלאָניע נאדיאָזשנאיא האָט שוינ אָבער געשמעקט מיט גיגאנטאָמאניע. א גאנצע ריי ווירטשאפט־לעכע שוועריקײַטנ האָבנ געשטערט דער דאָזיקער אָרגאניזאציאָנעלער פאריייניקונג. אונ אינ 1931 יאָר האָבנ די קאָמונארנ פונ נאדיאָזשנאיא זיכ אויסגעטיילט אינ א באזונדער ארטעל אפ כ׳ פאָסטישעוו נאָמענ. קאָמונע „עמעס" פאריייניקט איצט די קאָלאָניסטנ פונ זעליאָנאָפאָל. די ארבעט - אָרגאניזירונג אינ דער קאָמונע האָט געדינט ווי א מוסטער פאר א סאכ קאָלווירטנ. דאָ האָבנ מיר פאר זיכ מוסטערנ פונ בריגאדע-ארבעט, בא וועלכע מע קאָנ זענ די רעזולטאטנ פונ יעדערנס ארבעט, די אנאָנימקע איז דאָרטנ ליק־ווידירט. דאָס האָט א באזונדערנ באטײַט באם ארומגיינ ארום דעם פי. די פרויענ־קאָמונארקעס גיבנ מוסטערנ פונ שלאָג־ארבעט. זיי ארבעטנ אלס מעלקערנס אונ אופפאסערנס באם פי-הויפ, בא די קעלבלעכ. יעדע פונ זיי איז צוגעפעסטיקט צו א גרופע קי אָדער קעלבלעכ. ניט געקוקט דערויפ, וואָס דער פי-הויפ האָט זיכ געפונענ גאנצ ווײַט פונ דער קאָלאָניע, האָט זיכ ניט געטראָפנ ניט זומער, ניט אינ הארבסט אינ דער צײַט פונ בלאָ־טעס, ניט ווינטער אינ דער צײַט פונ פרעסט, אז די מעלקערנס צי די פי־אופפאסערנס זאָלנ פארשפעטיקנ צו דער ארבעט. די פרויענ אינ דער באשריבענער קאָמונע באציִענ זיכ מיט א באזונדערער איבערגעגעבנקײַט אונ ליבע צום געזעלשאפטלעכנ פארמעגנ. ס׳זײַנענ אינטערעסאנט די רע־זולטאטנ פונעמ ווירטשאפטלעכנ יאָר 1931 אונ נאָכ אינטערעסאנטער איז זיי צו פארגלײַכנ מיט די רעזולטאטנ פונעמ 1933 יאָר.

מיר ברענגענ דאָ פריִער די אָנגאבנ וועגנ 1931 יאָר.

אינגאנצנ האכנאָסע איז אינ 1931 יאָר געווענ 166713 רובל.

לויט איינצלנע ווירטשאפט־צווײַגנ איז די האכנאָסע געווענ פארטיילט אפ פאָלגנדיקנ אויפנ:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פונ פעלדצוכט . . . . . | 112 188 ר׳ | 88 ק׳ אָדער | 67 % |
| פונ פיצוכט . . . . . . | 43 521 ״ | ״ 37 | ״ 26 % |
| פונ קעז־קאָכערײַ . . . . . | 5 089 ״ | ״ 57 | ״ 2,8% |
| פונ בינענצוכט . . . . . | 6 890 ״ | ״ 70 | ״ 3,1% |
| איבעריקע האכנאָסעס . . . | 1 174 ״ | ״ 34 | ״ 0,9% |

אפ פאנאנדערטיילנ צווישנ די קאָמונארנ דעם אָפצאָל פאר די טעג ארבעט איז איבערגעבליבנ 48.255 רובל אָדער 28,9% פונ דער גאנצער



האכנאָסע. אָבער אכוצ געלט זײַנענ די קאָמונארנ געווענ אינ א גענוגנדיקער מאָס באזאָרגט מיט ברויט, מיט מילכ-פראָדוקטנ, מיט פלייש אונ מיט די איבעריקע פראָדוקטנ, וועלכע מע האָט געדארפט צווישנ זיי פארטיילנ לויט דער צאָל טעג ארבעט.

די קאָמונע האָט אינ 1931 יאָר געדעקט אלע צאָלונגענ. זי האָט אויס־געפילט אונ איבערגעשטיגנ אלע פלענער פונ ליפערונגענ דער מעלוכע.

דער פלאנ פונ ברויט־פארגרייטונג איז אויסגעפילט געוואָרנ אפ 110%, פלייש-פארגרייטונג אפ 118%. אפ דער האלוואָע „דאָס דריטע אנטשליסנ־דיקע יאָר פונעמ פינפיאָר" האָט די קאָמונע זיכ אונטערגעשריבנ אפ 4500 רובל. די שטייגערישע באדינגונגענ פונ דער קאָמונע דינענ אויכ אלס מוסטער פונ אָרגאניזירטקײַט, ריינקײַט אונ אָרדענונג. אינ א גוט ליכטיקנ הויז געפינענ זיכ די קינדער־יאסלעס פונ דער קאָמונע, וועלכע זײַנענ אויסגערעכנט אפ 50 קינדער.

די האכנאָסעס פאר 1933 יאָר זײַנענ געווענ פארטיילט אפ פאָלגנדיקנ אויפנ: אינגאנצנ איז געווענ האכנאָסע אינ 1933 יאָר — 293757 רובל, אפ 126.994 רובל אָדער 75% מער ווי אינ 1931 יאָר.

לויט באזונדערע פונקטנ איז די האכנאָסע פארטיילט געוואָרנ אפ פאָלגנדיקנ אויפנ:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פונ פעלדצוכט . . . . . . . . . . | 122916 | אָדער | 41,8% |
| פונ פיצוכט . . . . . . . . . . . | 140129 | ״ | 47,8% |
| פונ גערטנער, סעדער אונ ווײַנגערטנער . . | 5961 | ״ | 2,0% |
| פונ קעז־קאָכערײַ . . . . . . . . | 8500 | ״ | 2,9% |
| איבעריקע האכנאָסע . . . . . . . . | 16251 | ״ | 5,5% |
| | 293757 ר׳ | | 100% |

די קאָמונארנ האָבנ פאר די טעג ארבעט אינ 1933 יאָר שוינ באדארפט באקומענ 113964 רובל, אינ 2 מאָל מער ווי אינ 1931 יאָר, דערבײַ זײַנענ זיי נאָכ מער פארזאָרגט געוואָרנ מיט פראָדוקטנ.

די דאָזיקע ציפער באווײַזנ בעסער ווי אלצ, אז בא געוויסנהאפטער באציִונג צו דער ארבעט אונ בא א גוטער ארבעט־אָרגאניזירונג, קאָנענ די קאָלווירטנ שנעל פארגרעסערנ זייער פארמעגלעכקײַט.

די קאָמונע איז טאקע דער בעסטער מוסטער, אָבער זי איז ניט די איינציקע אינ ראיאָנ, א ריי קאָלווירטנ, וואָס זײַנענ געוואָרנ די בעסטע אונ פאָרגעשריטנסטע, צייכענענ זיכ אויס מיט א גאנצ הויכער פארמעג־לעכקײַט, צו וועלכער זיי האָבנ דערגרייכט אדאנק זייער איבערגעגעבענער באציִונג צו דער קאָלווירטישער בויונג, אדאנק די דערפאָלגנ אינ היג־

זיכט פונ אָרגאַניזירנ די ארבעט. דאָס זײַנענ די קאָלווירטנ אפנ נאָמענ פונ כ׳ דזערזשינסקי אינ דער קאָלאָניע פריִוטנע, „פאבריציוס״ אינ סלאָדקאָוואָדנע, „אוואנגארד״ אינ נײַזלאָטאָפּאָל אונ א רײ אנדערע.

דער ארטעל אפנ נאָמענ פונ דזערזשינסקי אינ דער קאָלאָניע פריִוטנע קאָנ סײַ לויט זײַנ וואויל-אײַנגעאָרדנטקײַט, סײַ לויטנ ווירטשאפטלעכנ צושטאנד, סײַ לויט דער באציִונג פונ די קאָלווירטניקעס צו דער ארבעט — דינענ אלס א מוסטער פאר א סאכ קאָלווירטנ. וואָס האָט מיט זיכ די דאָזיקע קאָלאָניע פאָרגעשטעלט אינ די יאָרנ פאר דער רעוואָליוציע? דאָ איז געווענ א גאנצ היפשער שיכט באלעגופישע ווירטשאפטנ, ס׳איז דאָ אָבער געווענ אויכ א גרויסער פּראָצענט אָנפּערדיקע אָרעמע ווירטשאפטנ, וועלכע פלעגנ אָפּגעבנ די ערד אינ ארענדע די באלעגופים פונעמ שכײנישנ דאָרפ. א באדײַטנדיקער טייל פונ דער קאָלאָניע פלעגט אינ די הארבסטיקע אונ ווינטערדיקע כאדאָשימ זיכ באשעפטיקנ מיט אופקויפנ אונ אויסהאָדעווענ גענדז, קעדײ צו פארקויפנ זײ דערנאָכ אפ די מערק אינ דניעפּראָפּעטראָווסק, יוזאָווקע (סטאלינאָ) אונ אינ אנדערע שטעט. ס׳איז דאָרטנ אויכ געווענ א באדײַטנדיקער שיכט קוסטארנ. צווישנ זײ $1^1/_2$—2 צענדליק קוסטארנ, וועלכע האָבנ זיכ באשעפטיקט מיט אײַנבינדערײַ. די אײַנבינדערס פלעגנ ארומוואנדערנ איבערנ גאנצנ קרײַז אונ באזוכנ אלע שולנ, אלע ערד-אנשטאלטנ, קאָאָפּעראטיוונ. זײ פלעגנ אויכ אויספילנ באַ זיכ אינ דער היימ באשטעלונגענ אפ אײַנבינדערײַ-ארבעט. דעמ דאָזיקנ געווערב האָבנ זײ איבערגענומענ בעירושע פונ זייערע טאטעס אונ זיידעס, וועלכע זײַנענ אינ די 40־ער יאָרנ פונעמ 19־טנ יאָרהונדערט געקומענ אפ די יעקאטערינאָסלאווער סטעפּעס פונ קאָווגע, שאוולע אונ פונ אנדערע שטעט אונ שטעטלעכ פונ ליטע. אפילע נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אונ בינ 1926—1927 יאָר האָבנ אינ די קאָלאָניעס פונ פריִוטנער דאָרפראט 106 ווירטשאפטנ פונ 358 אָפּגעגעבנ אינ ארענדע זייער גאנצע אָדער א טייל פונ זייער ערד. די דאָזיקע 106 ווירטשאפטנ האָבנ פונ זייער אלגעמיינעמ שעטעכ 1469 הא אָפּגעגעבנ אינ ארענדע 840 הא. נאָכ אינ 1926 יאָר האָבנ דאָ העכער 30% ווירטשאפטנ ניט געהאט קיינ פערד אונ 15 פּראָצענט — קיינ קי. אָבער וואָס פאר א קאָנטראסט שטעלט מיט זיכ איצט פאָר די דאָזיקע קאָלאָניע, נאָכ די 4—5 יאָר עקזיסטענצ פונ קאָלווירטנ. די אָנגאבנ וועגנ צושטאנד פונעמ דאָזיקנ קאָלווירט קאָנ מענ טרעפנ אינ דעמ דאָזיקנ בוכ אינ פארשיידענע קאפיטלעכ. דער קאָלווירט האָט שוינ מיט 2 יאָר צוריק פאָרגעשטעלט מיט זיכ א גוט־אָרגאניזירטע, פאראייניקטע צווישנ זיכ דורכ קאָלעקטיווער שעפערישער ארבעט, ווירטשאפט. די באפעלקערונג פונעמ קאָלווירט איז דאנ באשטאנענ פונ 67 פאמיליעס אונ 300 נעפאשעס מיט 147 ארבעטפייִקע מיטגלידער, וועלכע האָבנ באהערשט דעמ



גאנצנ שעטעכ פונ 1153 הא מיט 977 הא אקער-ערד. אינעמ קאָלווירט געפינט זיכ איינע פונ די בעסטע מילכ-פערמעס אינ ראיאָנ. זי באשטייט פונ 113 קי, אונ 117 יונגפי. ס׳איז דאָרטנ אויכ דאָ א כאזיירימ-פערמע פונ 105 כאזיירימ. אינעמ דאָזיקנ ארטעל זײַנענ אויכ פאראנ שעפסנ. אזא גרויסע צאָל פארשיידענע פי האָט געפאָדערט א גוטנ פי־הויפ. די מיטגלידער פונ קאָלווירט האָבנ ריכטיק אויסגערעכנט זייערע קויכעס, מאָביליזירט די נייטיקע מיטלענ אונ צוגעטראָטנ אינ 1931 יאָר צומ בויענ שטאלנ פאר קי, פאר קעלבלעכ, פאר כאזיירימ. סאמע אָנהייב פרילינג, ווענ 2 בריגאדעס זײַנענ ארויסגעפאָרנ אינ סטעפ צומ פארזיי, האָט נאָכ איינ בריגאדע — א בוי-בריגאדע זיכ גענומענ פאר דער ארבעט. מע האָט צוגעגרייט ציגל, געבראכט וואסער, געקנאָטנ ליימ, צוגעשטעלט וואלד. אלט אונ יונג, פרויענ אונ יונגע כעוורע, האָבנ גענומענ אָנטייל אינ דער בויונג. אונ עס האָט זיכ באקומענ אנ אויסגעצייכנטע געבײַדע, א ברייטע אונ א ליכטיקע, אויסגעצייכנטע פיטער-קאָריטעס, באקוועמע סטוילעס. אונ אלצ איז געמאכט געוואָרנ סאָליד, פעסט, גוט, באקוועמ אונ פּינקטלעכ. דאָס ארומגייענ ארומ דעמ פי איז דאָ מוסטערהאפט אוועקגעשטעלט. די אנאָנימקע איז שוינ לאנג ליקווידירט. צו יעדער גרופּע פערד, קי, קעלבלעכ, כאזיירימ איז צוגעפעסטיקט א שטענדיקע בריגאדע. דאָס פי איז שטענדיק ריינ אונ זאט. די פריִוטנער קעז־קאָכערײַ, וועלכע איז אויסגעצייכנט אויסגעשטאט, לאָזט ארויס די בעסטע פּראָדוקציע. פונ יאָר צו יאָר ווערט פארפעסטיקט די ווירטשאפט פונעמ קאָלווירט. ס׳איז גענוג בלויז צו פארגלײַכנ דאָס 1933 יאָר מיטנ 1931 יאָר, קעדײ צו באמערקנ דעמ גרויסנ וווּקס. אינ 1931 יאָר האָט די אלגעמיינע האכנאָסע פונ קאָלווירט באטראָפנ 104000 רובל. נאָכנ אראָפּרעכענענ די פּראָדוציר־הויצאָעס אונ נאָכנ באצאָלנ די כויוועס — איז געבליבנ אפ צו פארטיילנ צווישנ די קאָלווירטניקעס 30000 רובל. אינ 1933 יאָר האָט די אלגעמיינע האכנאָסע באטראָפנ 186.382 רובל. די פּראָדוציר-הויצאָעס, רעזערוו-פאָנדנ, דאָס צאָלנ כויוועס האָט צוזאמענ באטראָפנ 123.659 רובל, אפ צו פארטיילנ צווישנ די קאָלווירטניקעס איז געבליבנ 62.723 רובל, אינ 2 מאָל מערער איידער מיט 2 יאָר צוריק. אינ דורכשניט האָט איינ פאמיליע אינ 1933 יאָר באקומענ 29,6 צענטנער טווע אונ 691 רובל געלט. אויכ אינ דער דאָזיקער הינזיכט, אינ דער הינזיכט פאר דער ארבעט, פארנעמט דער קאָלווירט אפ כ׳ דזערזשינסקיס נאָמענ דאָס צווייטע אָרט נאָכנ קאָלווירט „אוואנגארד״ אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ, לויט זײַנ נאטור-אָפּצאָל, אונ דאָס צווייטע אָרט נאָכ דער קאָמונע „עמעס״ — אינ געלט-אָפּצאָל.

די האכנאָסעס פונ פיצוכט אונ פונ איבעראַרבעטנ די מילכ האָבנ אָנגעהויבנ אינעמ דאָזיקנ קאָלווירט צו פארנעמענ אנ אָנגעזעענעמ אָרט, ווי

דאָס איז צו זען פון פאָלגנדיקע ציפערן וועגן דער פאַרטיילונג פון דער האכנאָסע לויט איינצלנע געביטן:

אָנגאבן פאַרן 1933 יאָר

| | | | |
|---|---|---|---|
| האכנאָסעס פון פעלדצוכט | 73505 | רובל אָדער | 39,4% |
| האכנאָסעס פון פיצוכט | 75335 | „ „ | 40,4% |
| געווערבן (קעז־קאָכערײַ) | 35570 | „ „ | 19,1% |
| איבעריקע האכנאָסעס | 1972 | „ „ | 1,1% |
| אינגאנצן | 186382 | רובל | 100,0% |

פאַר פאָרגעשריטענע קאָלווירטן דאַרף מען אויך רעכענען די קאָלווירטן „פאַבריציוס“ אין סלאָדקאָוואָדנע און „וואַנגאַרד“ אין נײַזלאַטאָפּאָל. אויך דאָ זײַנען פאַראַן גרויסע פערמעס, אין וועלכע עס זײַנען דאָ קי, יונגפי און כאַזיירים. שוין 2 יאָר ווי עס האָבן זיך אויסגעבילדעט פאַרפעסטיקטע שטענדיקע בריגאַדעס. די קאָלווירטן, וועלכע זײַנען געווען פולשטענדיק באָלשעוויסטישע, גייען מיט א שנעלן טעמפּ צו א פאַרמעגלעכן לעבן. ס'זײַנען דאָ פאַראַן גרויסע קאָלווירטישע געבײַדעס, קעז־זאַוואָדן. ס'איז גענוג צו זאָגן, אז שוין אין 1930 יאָר איז די קאָלווירטישע סטאַדע אינעם קאָלווירט „פאַבריציוס“ באַשטאַנען פון 200 שטיק פי. אין 1931 יאָר האָט זייער צאָל שוין באַטראָפן העכער 300. כאַזיירים איז אין 1930 יאָר געווען 336 און אין 1931 יאָר — 491. די ברוטאָ־האכנאָסע — 58000—74000 ר. אויך דאָ באַטרעפט דער ספּעציפישער געוויכט פון פיצוכט אין דער ברוטאָ־האכנאָסע א גרויסן פּראָצענט. אין 1930 יאָר האָט די פיצוכט געגעבן 43220 ר., אין 1931 יאָר — 47100. אין 1930 יאָר האָט „פאַבריציוס“ אָפּגעליפערט דער מעלוכע לויטן פּלאַן פון פלייש־פאַרגרייטונגען — 10 כאַזיירים, און אין 1931 יאָר — 180 כאַזיירים. קעז האָט מען צוגעשטעלט אין 1930 יאָר — 9400 קלג. און אין 1931 יאָר — 14400 קלג. אף א מוסטערהאַפטן אופן איז אין משך פון 10 כאַדאָשים אין יאָר אָרגאַניזירט די געזעלשאַפטלעכע דערנערונג. דער נײַער קאָלווירטישער שטייגער, וועלכער באַזירט זיך אף די נײַע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, האָט דאָ געלאָזט טיפע וואָרצלען. געוועזענע באַטראַקעס, וועלכע פלעגן זיך וואַלגערן אין די פערד־שטאַלן באַם באַלעגוף, זײַנען איצט געוואָרן בריגאַדירן. די דערשלאָגענע און פאַרהאַרטעוועטע, אין דער פאַרגאַנגענהײַט, אָרעמע אַלמאָנע איז איצט געוואָרן א שלאָגלערג און פאַרנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אינעם קאָלווירטישן שטייגער. די פרוי איז שוין אין א קלענערער מאָס איצט א שטוב־ווירטן. זי איז מער אן אקטיווע אַרבעטערן אין דער קאָלווירטישער בריגאַדע.

די בײַשפּילן פון די בעסערע פאָרגעשריטענע קאָלווירטן האָבן מיר געבראַכט ניט צופעליק. זיי באַווײַזן, אז די גוטע ווירטשאַפטלעכע רעזולטאַטן האָבן זיך באַקומען אדאַנק דער בעסערער אָרגאַניזירטקײַט, אדאַנק דער אומדערמידלעכער פּאָליטישער דערציִונג פון די קאָלווירטניקעס אין גײַסט פון די פּאַרטיי־לאָזונגען וועגן פאַרפעסטיקן די נײַע קאָלווירטישע אָרדענונג.

ס'זײַנען, געוויינלעך, נאָך דאָ פעלערן אויך אין די דאָזיקע קאָלווירטן. נאָר א ריי אנדערע קאָלווירטן, וואָס זייערע ווירטשאַפטלעכע רעזולטאַטן זײַנען ערגערע פון די געבראַכטע בײַשפּילן — שטייען אָפּ ניט איבער עפּעס אָביעקטיווע סיבעס, נאָר אויסשליסלעך איבער דעם, וואָס די אַרבעט אין זיי איז נאָך ניט ריכטיק אָרגאַניזירט, וואָס די פרוי האָט זיך נאָך ניט אַרײַנגעטאָן אקטיוו אינעם נײַעם קאָלווירטישן שטייגער און אין דער קאָלווירטישער פּראָדוקציע. באַזונדערס פיל שוואַכע ערטער אין הינזיכט פון אַרבעט־אָרגאַנירונג זײַנען פאַראַן אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן. דאָ זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט די קעסט־שטימונגען, וואָס די איבערוואַנדערער האָבן אהערצו אַריבערגעטראָגן פונעם שטעטל. אויך דאָ זײַנען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן שלאָגלער, אויך דאָ זײַנען אויסגעוואַקסן פאָרגעשריטענע קאָלווירטישע מענטשן. נאָר דאָ איז באַזונדערס נייטיק דורכצופירן א פאַרשטאַרקטע פּאָליט־דערציִערישע אַרבעט, ווײַל דער איבערדערציִונגס־פּראָצעס גייט לאַנגזאַמער. די אָרגאַניזאַציאָנעלע און ווירטשאַפטלעכע פאַרפעסטיקונג פון די קאָלווירטן האָט אָבער א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דעם ווײַטערדיקן פּראָצעס פון באַזעצן דעם ראַיאָן מיט נײַע איבערוואַנדערער. די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די פעלדן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די קאָלווירטן צוליב זייער שוואַכער ווירטשאַפטלעכער מעכטיקײַט, האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן איבער די שטעטלעך פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונגען וועגן דעם קאָלווירטישן לעבן. זיי האָבן געזוכט די סיבע, פאַרוואָס זיי זײַנען אָפּגעפאָרן פון די קאָלאָניעס אין דער ווירטשאַפטלעכער ניטוויליײַנגעאָרדנטקײַט פונעם קאָלווירט, אין דעם בידעריקן לויִנ. די מײַסטע איז אָבער, וואָס זיי אליין האָבן מיט זייער באַציִונג צו דער אַרבעט געבראַכט צו דער שוואַכקײַט פון די קאָלווירטן. ס'איז ניט געווען קיין איבערגעגעבענע באַציִונג צום געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן, ס'איז ניט געווען קיין דיסציפּלינירטקײַט אין דער אַרבעט, און אָט דאָס טאַקע האָט געבראַכט צו דער שוואַכקײַט פון די קאָלווירטן און צום אָפּפלוס פון די איבערוואַנדערער. אָבער דאָס איז געווען אין 1930 און אין 1931 יאָרן. פאַר די לעצטע דרײַ יאָר האָבן אַלע קאָלווירטן פונעם ראַיאָן זיך באַדײַטנדיק פאַרשטאַרקט. די שטענדיקע בריגאַדע האָט זיך פאַרקאָמענדירט, ווי אן אויסגעצייכנטער פּראָדוציר־איינס. צום אָפּהיטן דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום האָט מען זיך אָנגעהויבן באַציִען מיט מער וואַכזאַמקײַט. אַלע אַרבעטספייִקע מיטגלידער פון די קאָלווירטן האָבן זיך

אָנגעהויבן ספּעציאַליזירן אַף דער אָדער יענער אַרבעט אין די פּראָדוציר־פּראָצעסן. ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער אָנטייל פון די פרויען אין דער אַרבעט. די אַרבעט־דיסציפּלין איז געוואָרן אָבליגאַטאָריש. די קאָלווירטישע בעזעלשאַפטלעכקייט האָט געשטעלט צום שאַנד־סלופּ די פּויליאַקעס און לער־קאָלווירטניקעס. די קאָלווירטן זײַנען ווירטשאַפטלעך און אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרפעסטיקט געוואָרן. דער אָפּפלוס פון די פּאָנדן האָט זיך אָפּגעשטעלט. די נײַע איבערוואַנדערער און די וואָס, זײַנען געקומען אין די יאָרן 1932—1933, זײַנען געוואָרן אַרומגערינגלט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט מיצאַד די אַלטגעזעסענע אײַנוווינער. זיי האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די קאָלווירטן און די קאָלווירטן אַליין האָבן זיך פאַרפעסטיקט. ווי טויזנטער אַנדערע ראַיאָנען אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט אויך דער ביַיזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן פאַרפעסטיקט זײַן ווירטשאַפט אַפן סאָציאַליסטישן וועג. די קאָלווירטן זײַנען געוואָרן און ווערן די פאָרגעשריטענע אָטריאַדן פון דער סאָציאַליסטישער ערד־אַרבעט. די פּאַרטיישע און סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַהערשט די אָנפירונג מיט די קאָלווירטן. און דאָס גאַראַנטירט, אַז אַלע קאָלווירטן וועלן זײַן באָלשעוויסטישע, און די קאָלווירטניקעס פאַרמעגלעכע. אויך דער ביַיזלאָטאָפּאָלער ראַיאָן, אַזוי ווי די איבעריקע ראַיאָנען, דינט פאַר אַ מוסטער פון דעם וויאַזוי די לענינשע־סטאַלינשע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט אין די נײַע פּראָדוציר־באַדינגונגען באַשאַפן אַ באַזע פאַרן אַקטיוון אָנטייל פון דער גאַנצער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג פון לאַנד אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, פאַרן צוציִען צו פּראָדוקטיווער סאָציאַליסטישער אַרבעט פעלקער, וואָס האָבן אין מעשעך פון יאָרהונדערטער געליטן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און עקאָנאָמישער אומבאַהאָלפנקייט.

עס איז ניט ווײַט דער וועג פון דעראַזשנע און האָלטע ביז ביַיזלאַטאָפּאָל און קאַליבינדאָרף. ס'איז אָבער זייער גרויס זײַן אינהאַלט. ער האָט איבערגעמאַכט און איבערגעבויט אַ גאַנצן דאָר מענטשן, ער האָט צו נישט געמאַכט אַ גאַנצע ריי באַגריפן, וועלכע האָבן זיך געשאַפן אין מעשעך פון יאָהונדערטער. אַרבעט, וואָס איז פריער געווען אַ שווערע פליכט, איז איצט געוואָרן אַ זאַך פון ערע און העלדן־מוט. אויך די קאָלווירטן פונעם נאַציאָנאַלן ראַיאָן זײַנען געוואָרן די בעסטע שול פאַר דער איבערדערציִונג פונעם מענטשן. און דער גרונט־אינהאַלט פון דער דאָזיקער איבערדערציִונג באַשטייט אין דער נײַער באַציִונג צו אַרבעט, צום קאָלעקטיוו און צום געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן. בלויז די קלוגע לענינשע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פונעם גרויסן סטאַלין, האָט געקאָנט צונויפפּאָרן די איבערדערציִונג פון טויזנטער מענטשן פון די



פריער אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן מיט זייער פרוכטבאַרער טעטיקייט לטויוועס דער סאָציאַליסטישער בויונג.

## די פינאַנציעלע לאַגע פון די קאָלווירטן

וועגן דער גרייס פון דער קרעדיט־הילף, וואָס די ייִדישע קאָלאָניעס אין ביַיזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן האָבן באַקומען ביזן רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד, קאָן מען אורטיילן לויט פאָלגנדיקע מאַטעריאַלן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, וועלכע פלעגן באַדינען די דאָזיקע קאָלאָניעס (די אָנגאַבן באַציִען זיך צום 10/1־1927 יאָר). (טאַבעלע אַף דער זײַט 134)

ווי עס איז צו זען, האָבן די האַלוואָעס אינעם אַלגעמיינעם פּאַסיוו פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטן באַטראָפן 64% און בלויז $^1/_3$ קאַפּיטאַלן איז באַשטאַנען פון אייגענע מיטלען. נאָר כאַראַקטעריסטישער פון אַלץ איז דאָס, וואָס די האַלוואָעס האָבן געבילדעט 94% פון אַלע כויוועס און די האַלוואָע־אָפּעראַציעס האָבן געבילדעט דעם גרונט־אינהאַלט פון אַרבעט פון די געזעלשאַפטן. די דורכשניטלעכע גרייס פון די האַלוואָעס אַף איין מיטגליד האָט באַטראָפן אינגאַנצן 135 רובל, די דאָזיקע ציפער דעקט שוין אויף אָן קאָמענטאַריעס די גאַנצע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וואָס די אינדיווידועלע ווירטשאַפטן האָבן געקאָנט באַקומען פון די קרעדיטן, נאָר די ווירקלעכע דורכשניטלעכע גרייס פון האַלוואָעס בא די קאָלאָניסטן איז געווען נאָך קלענער, ווײַל אין דער צאָל מיטגלידער פון די געזעלשאַפטן האָט מען שוין צום 1927 יאָר פאַרעכנט די אַזויגערופענע איבערוואַנדערער פון 1924 יאָר, וואָס די גרייס פון די האַלוואָעס איז בא זיי געווען באַדײַטנדיק העכער, איידער ווי בא די קאָלאָניסטן. די דאָזיקע איבערוואַנדערער פלעגן ווערן קרעדיטירט דורך דער געזעלשאַפט „יעקאָ“ פון אַ ספּעציעלן פאָנד מיט גרעסערע אַסיגנירונגען. די ווירקלעכע גרייס פון די האַלוואָעס בא די קאָלאָניסטן און וויאַזוי די דאָזיקע האַלוואָעס פלעגן ווערן פאַרטיילט לויט באַזונדערע גרופּעס פון די האַלוואָע־באַקומער, קען מען זען פון די מאַטעריאַלן פון די אָנגעוויזענע געזעלשאַפטן צום 1/10—1927 יאָר.

| ציפערס | ביַיזלאַטאָפּאָלער | פריוטנער | זעליאָנאָפּאָלער | זאַטישנער | אינגאַנצן |
|---|---|---|---|---|---|
| | נאָמען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט | | | | |
| צאָל קאָלאָניסטן, מיטגלידער פון די געזעלשאַפטן . . . . . . | 299 | 303 | 303 | 203 | 1108 |
| אַלגעמיינע פאַרשולדיקטקייט פון די קאָלאָניסטן דער געזעלשאַפט אין רובלס . . . . . . | 28562 | 21884 | 32856 | 21850 | 104152 |
| דורכשניטלעכע פאַרשולדיקטקייט פון איין קאָלאָניסט אין רובלס . . . . . . . . . | 99,20 | 72,26 | 104,44 | 106,04 | 91,66 |

| נאמענ פונ לאנדווירט-שאפטל. געזעלשאפטנ | צאל באריבענדיקע פונקטנ | צאל קאלאניסטישע ווירטשאפטנ | צאל קאלאניסטנ, מיטגלידער פונ לאנדוו. געזעלשאפטנ | אלגעמיינע צאל מיטגלידער | די סומע אינ רובלענ: באלאנס — אלגעמיינע | באלאנס — אפ 1 מיטגליד | האלוואעס — אלגעמיינע | האלוואעס — אפ 1 מיטגליד | אויסליינונגענ — אלגעמיינע | אויסליינונגענ — אפ 1 מיטגליד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נייזלאטאפאלער . . . . . . . | 5 | 384 | 299 | 357 | 88238 | 247 | 59726 | 167 | 54984 | 154 |
| פריוטנער . . . . . . . . | 7 | 358 | 303 | 322 | 50290 | 156 | 35792 | 111 | 36321 | 114 |
| זעליאנאפאלער . . . . . . . | 5 | 345 | 303 | 363 | 99018 | 272 | 49170 | 164 | 56083 | 154 |
| זאטישנער . . . . . . . . | 5 | 234 | 203 | 212 | 46191 | 218 | 25259 | 119 | 21414 | 101 |
| אינגאנצנ . . . . | 22 | 1321 | 1108 | 1254 | 283737 | 226 | 180247 | 144 | 169302 | 135 |



די פארטיילונג פונ די מיטגלידער פונ די געזעלשאפטנ לויט די גרו־פעס האט אויסגעזעענ אזוי:

| ג ר ו פ ע ס | נייזלאטאפאל | פריוטנע | זעליאנאפאל | זאטישנע | אינגאנצנ |
|---|---|---|---|---|---|
| אנ האלוואעס . . . . . . . . | 3 | 8 | 10 | 7 | 28 |
| ביז 25 רובל . . . . . . . . | 56 | 50 | 61 | 14 | 181 |
| פונ 26 ביז 50 רובל . . . . | 46 | 51 | 37 | 27 | 161 |
| פונ 51 ביז 100 רובל . . . . | 75 | 72 | 65 | 62 | 274 |
| פונ 100 ביז 150 רובל . . . | 52 | 56 | 67 | 51 | 226 |
| פונ 151 ביז 200 רובל . . . | 33 | 27 | 36 | 31 | 137 |
| העכער 200 רובל . . . . . . . | 34 | 9 | 37 | 18 | 98 |
| | 229 | 273 | 313 | 210 | 1 095 |

אינ פראצענטועלער הינזיכט זיינענ די גרופעס געווענ פארטיילט אפ פאלגנדיקנ אויפנ:

די 1 גרופע־ביז 25 רובל . . . 17 %
די 2 „ פונ 26 ביז 50 ר. . 15 %
די 3 „ פונ 51 „ 100 . . 25,7 %
די 4 „ פונ 101 „ 150 . . 21,2 %
די 5 „ פונ 151 „ 200 . . 11,9 %
די 6 „ העכער 200 ר. . . 9,2 %

מע דארפ פארצייכענענ, אז צום 1932 יאר האט זיכ אנגעקליבנ אפגעשבנ פונ נייזלאטאפאלער ראיאנ א גאנצע היפשע סומע קרעדיטנ, ווייל צוויי יאר דורכאנאנד, אינ די יארנ 1927 אונ 1928 זיינענ אינ ראיאנ אומגעקומענ די ווינטער - פארזייונגענ, אינ 1927 יאר פולשטענדיק אונ אינ 1928 יאר מער ווי אפ האלב. אינ רעזולטאט פונ דעם דאזיקנ סטיכייִשנ אומגליק איז ניט בלויז ניט געווענ קיינ מעגלעכקייט צו דעקנ די טערמיניקע צאלונגענ, נאר ס'איז נאכ אויסגעקומענ אפדאסניי צו מאכנ גאנצ היפשע האלוואעס אפנ ווינטערדיקנ פארזיי־מאטעריאל. די זעלביקע לאגע האט געצווונגענ צו ווענדנ זיכ צו מעלוכישע קרעדיטנ אויכ אפ אנדערע ווירטשאפטלעכע אפעראציעס.

די מאַטעריאַלן, וועלכע מיר ברענגען ווײַטער וועגן דער אויספאַרשונג פון דער פינאַנציעלער לאַגע אין די קאָלווירטן פון נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין אויגוסט 1931 יאָר לויטן אויפטראָג פונעם קאָמערד באַם פּרעזידיום פון ווציק, גיבן אַ גאַנץ פולע פאָרשטעלונג וועגן דעם פינאַנציעלן צושטאַנד פון די קאָלווירטן צו דער דאָזיקער צײַט. די מאַטעריאַלן האָבן נישט פאַרלוירן זייער אינטערעס אויך איצטער, אָפּ וויפל זיי כאַראַקטעריזירן די שטאַרקע אופמערקזאַמקייט באַציִונג מיצאַד די צענט־ראַלע קרעדיט־אָרגאַנען צום צושטאַנד פון דער צאָלפעיִקייט און די קאָל־ווירטן פון אַ נאַציאָנאַלן ראַיאָן. פון דער אַנדערער זײַט שטעלן די דאָזי־קע מאַטעריאַלן פאָר אַן אינטערעס פאַרן פאַרגלײַך מיט דער פינאַנציעלער לאַגע אין די קאָלווירטן צום אָנהייב פונעם צווייטן יאָר פונעם צווייטן פינפיאָר. פאַר די פאַרגאַנגענע 1931 און 1933 יאָר זײַנען די קאָלווירטן ווירטשאַפטלעך געוואָרן פאַרפעסטיקט. די פריִער אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן האָבן שוין אָנגעהויבן געבן געוויסע רעזולטאַטן. די קאָלווירטן האָבן באַ־וויזן אָנצוזאַמלען אין אַ גענוגנדיקער צאָל זייערע אייגענע מיטלען. די מעלוכע האָט פאַרגעזעצט צו קרעדיטירן די קאָלווירטן אַף גרויסע אָביעקטן פון דער בויונג, אַף אופשטעלן די פערד־סטאַדע, די מטס, וועלכע זײַנען געוואָרן באַרײַכערט מיט נײַע מאַשינעס, מיט קאָמבײַנען, אויטאָמאָבילן און וועלכע האָבן פאַרפעסטיקט זייער טראַקטער־פּאַרק, האָבן אָנגעהויבן פולער צו באַדינען די קאָלווירטן, און אין רעזולטאַט דערפון איז זייער פינאַנציעלע לאַגע באַדײַטנדיק פאַרבעסערט געוואָרן.

דעם פינאַנציעלן צושטאַנד פון די קאָלווירטן אין 1931 יאָר, לויט דער דערמאָנטער אויספאָרשונג, כאַראַקטעריזירן פאָלגנדע מאַטעריאַלן.

## מאָביליזאַציע פון מיטלען

דער ראַיאָן האָט באַדאַרפט פאַרן צווייטן האַלביאָר פון 1931 מאָביליזירן:

1. שטײַערן, זעלבסטבאַשטײַערונג, סטראַכיר־אָפּצאָל, צאָלונג לויט די כויועס און אַנד. בורזשעס־מיטלען . . . 240.000 ר.
2. גיט־באַצאָלטע צום טערמין און טערמיניקע פאַר־שולדיקייט דער מטס . . . . . . . . . 492.000 ר.
3. פאַרשולדיקייט דער באַנק
א) ניט באַצאָלטע צום טערמין כויועס:
1) פון קאָלווירטן . . . . . . . . . » 80.259
2) פון קאָלווירטניקעס . . . . . . . » 79.163

צוזאַמען . . . . . . . . . 159.422 ר.

ב) טערמיניקע צאָלונגען אין 1931 י.
1) פון קאָלווירטן . . . . . . . . . » 60.485
פּראָצענטן . . . . . . . . . . » 18.749



2) פון קאָלווירטניקעס . . . . . . . » 29.691
פּראָצענטן . . » » » . . . . . . » 8.575

צוזאַמען . . . . . . . . . 117.500 ר.

ג) פאַרשולדיקייט פון קאָלווירטן לויט קאָנט־ראַקטאַציע . . . . . . . . . . . » 29.927
ד) פאַרשולדיקייט פונעם אינדיווידועלן סעק־טער דער באַנק . . . . . . . . . . » 42.396
ה) פאַרשולדיקייט דער „יעקאָ״ אַף 1931 י. .
1) פון קאָלווירטן . . . . . . . . . . » 18.000
2) אינדיווידועלע פאַרשולדיקייט פון די איבערוואַנדערער מיט פּראָצענטן . . . . » 114.555 132.555 ר.

אינגאַנצן . . . . . . 1.213.800 ר.

די אָנגעוויזענע סומע איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע באַפעלקערונג־גרופּן אַף פאָלגנדיקן אויפן:

| באַפעלקערונג־גרופּע | כויועס דער באַנק און „יעקאָ״ | מטס | בורזשעס | אינגאַנצן | אין דורכשניט אַף 1 פאַמיליע | אַף אַ פאַמיליע אין % % צו דער גרופּע מיט קלענערער פאַר־שולדיקייט |
|---|---|---|---|---|---|---|
| איבערוואַנדערער . . . | 223.680 | 239.000 | 95.000 | 537.680 | 696 | 372 |
| קאָלאָניסטן . . . . . | 234.500 | 191.000 | 90.000 | 515.000 | 523 | 244 |
| אוקראַאינישע באַפעלקע־רונג . . . . . . | 23.620 | 62.000 | 55.000 | 140.620 | 214 | 100 |
| אינגאַנצן . . | 481.800 | 492.000 | 240.000 | 1.213.800 | 529 | — |

אַזאַ גרויסער אונטערשייד אין דער פאַרשולדיקייט צווישן דער אוקראַאינישער און דער ייִדישער באַפעלקערונג דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די איבערוואַנדערישע ווירטשאַפטן האָבן זיך געבויט קימאַט אויסשליסלעך אַף קרעדיט. אויך די קאָלאָניסטישע ווירטשאַפטן האָבן נאָכן בירגער־קריג און נאָכן 1921 יאָר באַקומען אַ באַדײַטנדיקע סומע קרעדיטן אַף אופשטעלן זייער ווירטשאַפט. אין דער דאָזיקער גרופּע זײַנען אַרײַנגערעכנט אויך גרויסע אויסגאַבן אַף רעקאָנסטרוקטיווע מאָסמיטלען: קעז־זאַוואָדן, קאָלעק־טיווע געבײַדעס, סילאָס־געבײַדעס, רעמאָנט פון הײַזער, סטעדער, ווײַנגערט־נער אאַ.

בלויז לויט די קרעדיטן פון „יעקאָ“ האָבן 640 פאַמיליעס איבערוואַנ־דערער (אויסער 60 פאַמיליעס, וועלכע זײַנען געקומען אין 1931 יאָר) א פאַרשולדיקטקײַט אין דער סומע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אינדיווידועלע | 772.866 | ר. דערינען צאָלונגען פון 1931 י. | |
| פראָצענטן פאַר 12 יאָר | 227.543 | „ „ „ „ | 114.558 ר. |
| פאַרשולדיקטקײַט פון די איבערוואַנדערערישע קאָלווירטן | 204.477 | | |
| פראָצענטן ביזן ענדיקן דאָס צאָלן | 58.127 | „ „ „ „ | 18.000 ר. |
| אינגאַנצן | 1.252.013 ר. | | 132.558 ר. |

לויט די סעקטאָרן איז די פאַרשולדיקטקײַט פון 1931 יאָר געווען פאַרטײלט אַף פאָלגנדיקן אופן:

| | |
|---|---|
| די קאָלווירטן דאַרפן צאָלן (אײַנגעשלאָסן דעם גאַנצן אָפּצאָל דער מטס און לויטן בודזשעט) | 939.420 ר. |
| קאָלווירטניקעס און אינדיווידועלע ווירטשאַפטן | 274.380 ר. |
| אינגאַנצן | 1.213.800 ר. |

## האַכנאָסע

פאַר דער צווייטער העלפט פון 1931 יאָר האָבן די לעפּערעכדיקע געלט-האַכנאָסעס פון דער באַפעלקערונג באַטראָפן:

אינגאַנצן איבערן ראַיאָן פון רעאַליזירן דאָס ברויט:

די אַלגעמיינע צאָל ברויט, וואָס ווערט רעאַליזירט דורך דער באַפעלקערונג באַטרעפט 102.024 צענטנער. זי ווערט פאַנאַנדערגעטײלט לויט קולטורן אַף פאָלגנדיקן אופן:

ווייץ — 89.131, אַראָפּגערעכנט די 12.501 צענטנער ווירטשאַפטלעכן פאַרזוי

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פון דער מטס בלײַבט | 76.630 צענטנער | × 7,5 | = 575.725 | ר. |
| קאָרן | 12.368 צענטנער | × 5,5 | = 68.024 | ר. |
| פוראַזש-קולטור | 13.026 צענטנער | × 5,0 | = 65.130 | ר. |
| זונען-רויזן | 3.360 צענטנער | × 8,5 | = 28.560 | ר. |
| אינגאַנצן | | | 737.439 | ר. |

(זע די טאַבעלע אַף דער זײַט 139).

באַם פאַרגלײַכן די סומע האַכנאָסע אין קאָלווירטישן סעקטאָר מיט די פאַרשיידענע צאָלונגען וועלן מיר באַקומען פאָלגנדיקע רעזולטאַטן:



אין האַכנאָסעס

(אין טויזנטער רובל)

| | קאָלעקטיוון: פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט | קאָלעקטיוון: פון דעם אינדיווידועלן מיטל ווירטשאַפט | איבערוואַנדערער: פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט | איבערוואַנדערער: פון אינדיווידועלע מיטל ווירטשאַפט | אוקראַיִנישע באַפעלקערונג: פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט | אוקראַיִנישע באַפעלקערונג: פון אינדיווידועלע מיטל ווירטשאַפט | אינגאַנצן: פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט | אינגאַנצן: פון אינדיווידועלע מיטל ווירטשאַפט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **א. רעאַליזירונג פון מילך** | | | | | | | | |
| 1. פון 400 פאַרגעזעלשאַפטלעכטע קי און דורכשניט צו 700 ליטער באַ 50% סכוירעדיקייט צו 10 ק. א ליטער | 14,0 | — | — | — | — | — | 14,0 | — |
| 2. פון 1600 אינדיווידועלע קי צו 600 ליטער דורכשניטלעך באַ 40% סכוירעדיקייט, 20% צו פעסטע פרײַזן—10 קאָפּ. א ליטער און 20 פּראָצענט צו מאַרק-פרײַזן—40 קאָפּ. א ליטער | — | 22,0 | — | 48,0 | — | 26,0 | — | 96,0 |
| **ב. רעאַליזירונג פון פי** | | | | | | | | |
| 1. 117 שטיק גרויסע הערנפי צו 100 רובל א שטיק | 4,0 | 2,2 | — | 4,0 | — | 1,5 | 4,0 | 7,7 |
| 2. 144 שטיק יונגפי עלטער פון 1 יאָר — צו 50 רובל און 350 שטיק יונגפי פון א יאָר צו 30 רובל | 8,0 | 5,3 | — | 2,3 | — | 2,1 | 8,1 | 97 |
| 3. 68 שטיק דערוואַקסענע כאַזיירים צו 100 רובל און 1240 יונגע כאַזיירים צו 50 רובל | 38,5 | 8,25 | 2,7 | 2,7 | 13,5 | 3,15 | 54,7 | 14,1 |
| **ג. פון אויפעסצוכט** | | | | | | | | |
| פון 20 000 שטיק דערוואַקסענע אויפעס פאַרן צווייטן האַלביאָר צו 30 אייער, נאָכן איבערלאָזן 40 פּראָצענט, בלײַבט צום רעאַליזירן אַף 360 טויזנט שטיק. $2/_3$ צו פעסטע פרײַזן — 40 קאָפּ. א צענדליק און די איבעריקע צו 1 רובל 50 קאָפּ. פאַר א צענדליק און פון רעאַליזירן יונגע אויפעס 5 שטיק צו 1 רובל | — | 14,4 | — | 10,4 | — | 7,8 | — | 32,6 |
| **אינגאַנצן** | 64,5 | 52,15 | 2,7 | 67,4 | 13,5 | 40,55 | 80,7 | 160,1 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| פון ברויט . . . . . . . . . . . . | 736.439 ר. | — | — |
| פון פּ־צוכט . . . . . . . . . . | 80.700 | 817.139 | — |
| די סומע צאָלונגען . . . . . . . . . . | — | | 939.420 ר. |
| עס בלײַבט ניט בלויז קיין מיטלען אָפּצאָלן פאַר די טעג־אַרבעט, נאָר עס באַקומט זיך א דעפיציט אין דער סומע פון . . . . . | 122.281 ר. | — | — |

לויטן אינדיווידועלן סעקטאָר

(האַכנאָסע פון קאָלווירטניקעס)

| | | | |
|---|---|---|---|
| פון פּיצוכט . . . . . . . . . . . . | 161.100 ר. | — | — |
| צאָלונגען . . . . . . . . . . . . . | — | — | 274.380 ר. |
| דעפיציט . . . . . . . . . . . . . | 114.280 ר. | — | — |

די כויוועס זײַנען באַזונדערס גרויס אין די איבערוואַנדערישע קאָל־ווירטן און אין די קאָלאָניעס. אויב מיר זאָלן אויסרעכענען זייער גרייס פאַר איין פאַמיליע, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדיקע ציפער.

| צעגערס | קאָלאָניסטישע קאָלווירטן | איבערוואַנדערישע קאָלווירטן | אוקראַיִנישע קאָל־ווירטן | אינגאַנצן |
|---|---|---|---|---|
| אלגעמיינע סומע קאָלווירטשע פאַרשולדיקקײַט . . . . . . | 703.095 | 943.017 | 61.012 | 1.707.124 |
| אין דורכשניט אַף 1 פאַמיליע | 694 | 1.335 | 87 | 705 |
| אין % % צו דער גרופּע מיט א קלענערער פאַרשולדיקקײַט . . . . | 797 | 1.534 | 100 | — |
| פאַרטיילונג פון דער פאַרשולדיקקײַט לויט די קרעדיטאָרן בא „איינצלנע גרופּן (אין % %): | | | | |
| דעם לאַנדוו. באַנק . . . . . | 54,0 | 44,0 | 2,0 | 100,0 |
| „יעקאָ" . . . . . . . . . . | 22,4 | 77,0 | 0,6 | 100,0 |
| מטס . . . . . . . . . . | 20,1 | 77,7 | 2,2 | 100,0 |
| מעלוכע־שטײַערן . . . . . . . | 24,7 | 70,3 | 5,0 | 100,0 |
| מיטגלידער פון קאָלווירטן און אינד. אָרגאַנ. . . . . . | 40,4 | 47,1 | 12,5 | 100,0 |

אַפּ וויפל די איבערוואַנדערישע ווירטשאַפטן האָבן זיך געבויט קימאַט אויס־שליסלעך אַפּן כעזשבן פון קרעדיטן, אַזוי פיל האָבן זיי א גרעסערע פאַרשולדיקקײַט. דעריבער איז די פינאַנציעלע לאַגע פון די איבערוואַנדע־רישע קאָלווירטן אַמערסטן אָנגעשטרענגט.



| קאָלווירטן | דעם לאַנדווירט־שאַפטלעכן באַנק | „יעקאָ" | מ. ט. ס. | מעלוכע־שטײַערן | אַנדערע כויוועס פון די קאָל־ווירטניקעס | אינגאַנצן |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **קאָלאָניסטישע קאָלווירטן** | | | | | | |
| 1. „אוואַנגאַרד" . . . . . . . . . . | 36.140 | 4.200 | 2.352 | 625 | 6.925 | 50.242 |
| 2. „ק. ליבקנעכט" . . . . . . . . | 6.108 | 900 | 911 | — | 5.751 | 13.670 |
| 3. „לוקסעמבורג" . . . . . . . . | 27.975 | 7.530 | 10.942 | 1.291 | 6.550 | 54.238 |
| 4. „כאַטאַיעוויטש" . . . . . . . . | 1.818 | 800 | — | — | 7.417 | 10.035 |
| 5. „פּאַבריציוס" . . . . . . . . | 104.338 | 13.987 | 1.000 | 901 | 8.830 | 129.115 |
| 6. „אָוראַרניק" . . . . . . . . | 1.232 | — | — | — | 5.500 | 6.732 |
| 7. קאָמ. „עמעס" . . . . . . . . | 159.101 | 17.509 | 5.000 | — | 22.500 | 204.110 |
| 8. „דזערזשינסקי" . . . . . . . . | 57.600 | 8.230 | 7.300 | 404 | 29.870 | 103.404 |
| 9. „בעזבאָזשניק" . . . . . . . . | 17.437 | 2.500 | — | — | 6.170 | 26.107 |
| 10. „פּעטראָווסקי" . . . . . . . . | 24.351 | 9.141 | — | 2.022 | 7.060 | 42.574 |
| 11. „סאָזבראַפּ" . . . . . . . . | 29.705 | 18.795 | 5.506 | 2.421 | 6.410 | 62.867 |
| אינגאַנצן . . . . | 465.865 | 83.592 | 33.011 | 7.664 | 113.013 | 703.095 |

| | דעם לאנדווירט־שאפטלעכן באנק | „יעקא" | מ. ט. ס. | מעליאָראַציע-שטעלער | אנדערע כוואַליעס פון די קאָלווירט־ניקעס | אינגאנצן |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **אוקראַאינישע קאָלווירטן** | | | | | | |
| „נײַלעבן" . . . . . . . . . . . . | 5.015 | 2.235 | 1.500 | — | 8.000 | 16.750 |
| „קאָמונאַר" . . . . . . . . . . . | 5.060 | — | — | 265 | 13.133 | 18.458 |
| „פרײַהײַט" . . . . . . . . . . . . | 3.182 | — | — | — | 4.759 | 7.941 |
| „סכיר" . . . . . . . . . . . . . | 3.227 | — | 138 | 1.140 | 4.850 | 9.355 |
| „טשערוואָני פארטיזאן" . . . . . . . . | 2.406 | — | 1.950 | 152 | 4.000 | 8.508 |
| אינגאנצן אין די אוקראַאינישע קאָלווירטן . . . . . . | 18.890 | 2.235 | 3.588 | 1.557 | 34.742 | 61.012 |
| אינגאנצן אין ראיאָן . . . . | 859.150 | 373.515 | 163.769 | 31.178 | 279.562 | 1.707.124 |



| | דעם לאנדווירט־שאפטלעכן באנק | „יעקא" | מ. ט. ס. | מעליאָראַציע-שטעלער | אנדערע כוואַליעס פון די קאָלווירט־ניקעס | אינגאנצן |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **איבערוואנדערישע קאָלווירטן** | | | | | | |
| 1. „8־טער מארט" . . . . . . . . . . | 78.795 | 43.806 | 38.423 | 2.841 | 8.611 | 172.476 |
| 2. „רויטער פויער" . . . . . . . . . . | 22.061 | 3.163 | 12.572 | 542 | 9.814 | 58.152 |
| 3. „פאריזשער קאָמונע" . . . . . . . | 2.018 | — | — | 788 | 7.946 | 10.752 |
| 4. „טשובאר" . . . . . . . . . . . . | 16.145 | 5.931 | 12.500 | 2.452 | 10.350 | 47.378 |
| 5. „10 יאָר קנס" . . . . . . . . . | 15.337 | 3.085 | 9.820 | 3.245 | 9.170 | 40.657 |
| 6. „10 יאָר קסם" . . . . . . . . . | 27.171 | 51.486 | 6.300 | 1.673 | 12.786 | 99.416 |
| 7. „האָפּענונג" . . . . . . . . . . | 28.838 | 23.278 | 3.430 | 1.490 | 3.708 | 61.204 |
| 8. „רויטפעלד" . . . . . . . . . . | 22.203 | 21.555 | -- | 4.336 | 16.650 | 64.744 |
| 9. „ראטנפויער" . . . . . . . . . . | 14.478 | 10.071 | — | — | 8.540 | 33.089 |
| 10. „אָקטיאבער" . . . . . . . . . . | 50.359 | 44.371 | 5.555 | 2.113 | 20.236 | 122.634 |
| 11. „פּאַריז" . . . . . . . . . . . | 22.707 | 18.191 | 14.271 | — | 7.135 | 62.304 |
| 12. „נײַלעבן" . . . . . . . . . . . | 21.416 | 20.032 | 10.899 | 1.741 | 9.192 | 63.280 |
| 13. אפן נאָמען פון כ׳ סטאלין . . . . . | 52.867 | 42.719 | 13.400 | 736 | 7.669 | 117.391 |
| אינגאנצן אין די איבערוואנדערישע קאָלווירטן | 374.395 | 287.688 | 127.170 | 21.957 | 131.807 | 943.017 |

אינ דער פארשולדיקטקייט פונ דער דאָזיקער גרופּע קאָלווירטנ פארנעמט א באזונדער גרויס אָרט די פארשולדיקטקייט „יעקאָ“ דערפאר, ווייל אויכ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ, נאָכ דער איינאָרדענונג פונ די אינדיווידועלע ווירטשאפטנ, האָט „יעקאָ“ פאָרגעזעצט צו קרעדיטירנ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ מיט באדייטנדיקע סומעס. א טייל פארמעגנ, וועלכער איז געווענ אינ דער אינדיווידועלנ באנוצ בא די איבערוואנדערער און איז דערוואָרבנ געוואָרנ אפנ כעזשבנ פונ די „יעקאָ“-קרעדיטנ, איז שפּעטער, נאָכ דער קאָלעקטיוויזאציע, אריבער אינ געזעלשאפטלעכנ באנוצ פונ די קאָלווירטנ.

דאָ דארפ מענ צוגעבנ, אז א כוצ דער סומע פונ 287.688 רובל, וואָס די קאָלווירטנ האָבנ געקומט דער „יעקאָ“, זיינענ די איבערוואנדערער געווענ פארקרעדיטירט בא „יעקאָ“ אפ א היפּשע סומע פונ 788.000 רובל, לויט דער ליניע פונ אינדיווידועלע קרעדיטנ אפ בויענ וווינונגענ אאזוו. אינ דער סומע ווערט שוינ אויכ אריינגערעכנט דאָס קויפנ א קו א. א. וו.

די לאגע איז ווירקלעכ געווענ אנ אָנגעשטרענגטע.

אָבער די אויסגעוואָקסענע מאכט פונ אונדזער סאָציאליסטישנ היימלאנד, די גרויסע זאָרג פונ דער פארטיי, פונ דער רעגירונג און פונ דעמ באליבטנ פירער, דעמ כ׳ ס ט א ל י נ, וועגנ דעמ קאָלווירטישנ פויערטומ, האָבנ זיכ זייער שטארק געלאָזט פילנ. די דעקרעטנ פונעמ 23-טנ דעקאבער 1937 יאָר און פונעמ 4-טנ מיי 1935 יאָר ענדערנ ראדיקאל די פינאנציעלע און ווירטשאפטלעכע לאגע פונ די קאָלווירטנ. די פארטיי און די רעגירונג האָבנ אראָפּגעשריבנ פונ די קאָלווירטנ כויוועס אפ א סומע פונ א האלבנ מיליארד רובל.

קאָלאָסאל גרויס איז די סומע כויוועס, וואָס זיינענ אראָפּגעשריבנ געוואָרנ פונ די יידישע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ, זי באטרעפט 23 מ י ל י אָ נ  ר ו ב ל. דאָס איז קימאט פ י נ פ  פ ר אָ צ ע נ ט פונ דער אלגעמיינער סומע, וואָס איז אראָפּגעשריבנ געוואָרנ פונ אלע קאָלווירטנ אינ ראטנפארבאנד, האגאמ דער ספּעציפישער געוויכט פונ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ אינ אונדזער ראטנפארבאנדישער לאנדווירטשאפט איז גאָר אומפארגלייכלעכ קלענער.

די 23 מיליאָנ באקומענ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ א ו י ס ש ל י ס ל ע כ פונ דער מעלוכע. עס ווערנ אראָפּגעשריבנ אלע כויוועס, וואָס די קאָלווירטנ זיינענ שולדיק געבליבנ ביזנ 1-טנ יאנוואר 1933 יאָר דעמ בענק און דעמ אגראָדזשאָינט.

דאָס אראָפּשרייבנ די כויוועס פונ די קאָלווירטנ האָט ארויסגערופנ א נייעמ פּאָליטישנ אופשטייג פונ די קאָלווירטישע מאסנ אינעמ נייזלאטאָפּאָלער ראיאָ-



# קולטור־שטייגערישע באדינונג פונ די קאָלווירטנ

ב י ל ד ו נ ג. אינ די באדינגונגענ פונ דער גרויסער מעכאניזירטער קאָלעקטיווער ווירטשאפט דארפנ אלע מאָסמיטלענ אפנ געביט פונ אָרגאניזאציאָנעל-ווירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ זיינ ענג פארבונדנ מיט זייער קולטורעל־שטייגערישער באדינונג. א פארמעגלעכ לעבנ הייסט ניט בלויז א זאט לעבנ. אונדזער אופגאבע איז שאפנ א קולטורעל-פארמעגלעכ לעבנ אינ אונדזער קאָלווירטישנ דאָרפ. די קולטורעלע בויונג איז ניט בלויז א נייטיקע באדינגונג צו פארפעסטיקנ די סאָציאליסטישע פּאָזיציעס פונ דער קאָלווירטישער עրד־ארבעט, זי איז אויכ די נייטיקע פאָרהאנאָכע דערצו, אז די קאָלווירטנ זאָלנ ווערנ די טרעגערס פונ הויכער קולטור אינ דער לאנדווירטשאפט. קולטור איז א נייטיקע זאכ אי באמ אָרגאניזירנ די ארבעט אי באמ ארומגיינ ארומ דער מאשינ און ארומ פי. די קולטור איז נייטיק אינ דער ווירטשאפט און ביכלאל אינעמ שטייגער מיט זיינ גאנצער פארשיידנארטיקייט.

העכערע פאָדערונגענ אינ פראט פונ קולטור און קולטורעל-שטייגערישער באדינונג ווערנ ארויסגעשטעלט גראד צו אזא ראיאָנ, ווי דער נייזלאטאָפּאָלער, אינ וועלכנ דער ספּעציפישער געוויכט פונ די איבערוואנדערער, וואָס קומענ צופאָרנ פונ שטאָט און שטעטל איז א גאנצ באדייטנדיקער. סאמע עלעמענטארסטע פאָדערונגענ פונ קולטורעל־שטייגערישער באדינונג, ווי לעמאָשל, שול, מעדיצינישע הילפ און אנדערע פלעגנ דאָרט מער אָדער ווייניקער באפרידיקט ווערנ.

אויכ אפ דעמ דאָזיקנ געביט, אפנ פראָנט פונ קולטורעלער בויונג, האָט דער נאציאָנאלער נייזלאטאָפּאָלער ראיאָנ א ריי זייער וויכטיקע דערגרייכונגענ. די דאָזיקע דערגרייכונגענ זיינענ נאָכ דערמיט וויכטיק, וואָס עס איז אויסגעקומענ בא זייער פארווירקלעכונג בייצוקומענ ניט ווייניק שטערונגענ און שוועריקייטנ. אלע קאָלאָניעס, אלע איבערוואנדערישע יישווימ, ווי אויכ אלע אוקראינישע דערפער (אויסער איינעמ) שטעלנ מיט זיכ פאָר, אינ טאָכ גענומענ, קליינע פונקטנ, די איבערוואנדערישע יישווימ האָבנ זיכ געבויט אינ הוילנ סטעפ. די קאָנפיגוראציע פונ דער טעריטאָריע אינעמ ראיאָנ איז זייער א צעצויגענע און זיגזאגארטיקע. אינ דער קולטורעלער בויונג פונעמ ראיאָנ, אינ וועלכנ די קולטור דארפ זיינ א נאציאָנאלע לויט דער פאָרמ און א סאָציאליסטישע לויטנ אינהאלט, איז נייטיק געווענ א באזונדערע וואכזאמקייט, קעדיי אויסצולעבנ א ריי טראדיציעס און געוווינהייטנ, וועלכע זיינענ אריבער בעירושע פונ דער פארגאנגענהייט. די קולטורעלע דערציונג פונ די מאסנ אינ גייסט פונ אינטערנאציאָנאליזמ באקומט דאָ א באזונדערנ באטייט. ס׳פאָדערט זיכ א פארטיפטע אגיטאציאָ-

נעלע מאסנ־ארבעט, קעדיי ס'זאָל ווערנ קלאָר אונ פארשטענדלעכ ווי פאר דער יידישער באפעלקערונג, אזוי אויכ פאר דער אוקראַינישער — דער זינ פונ דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַליטיק, וועלכע ווערט דאָ פאַרווירקלעכט. אונ די גראַנדיעזע דערפאָלגנ אפנ פראָנט פונ דערווירטשאפטלעכער אונ קולטורעלער בויונג, וואָס דער ראַיאָנ האָט דערגרייכט, זײַנעג דער בעסטער בײַשפּיל פונ דער ריכטיקײַט פונ דער דאָזיקער פּאָליטיק.

לאָמיר פריער פונ אלצ א קוק טאָנ די דינאמיק פונ דער שול־נעצ.

פאר באזונדערע יאָרנ האָבנ מיר פאָלגנדיקע ציפער וועגנ דער צאָל שולנ פונ דער ערשטער אונ צווייטער שטופע אונ וועגנ דער צאָל שילער אינ זיי.

| צ י פ ע ר ס | צום 1־טנ יאנוואר | | | |
| --- | --- | --- | --- | --- |
| | 1931 | 1932 | 1933 | 1934 |
| צאָל שולנ פונ דער ערשטער שטופע . . . | 21 | 23 | 24 | 23 |
| צאָל שילער אינ זיי . . . . . . . . . | 1 270 | 1 600 | 1 406 | 1 466 |
| צאָל שולנ פונ דער צווייטער שטופע . . . | 5 | 5 | 5 | 7 |
| צאָל שילער אינ זיי . . . . . . . . . | 441 | 755 | 629 | 644 |
| אינגאנצנ שולנ . . . | 26 | 28 | 29 | 30 |
| אינגאנצנ שילער . . . | 1711 | 2 355 | 2 035 | 2 110 |

דאָס וואָס ס'האָט זיכ פארקלענערט די צאָל שילער אינ 1933 יאָר אינ פארגלײַכ מיטנ 1932 יאָר, דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס די אלטע קאָלאָניע „פראָלעטארסקאיא" אונ דרײַ איבערוואנדערישע יישובים זײַנעג ליקווידירט געוואָרנ, דערפאר ווײַל מע האָט זייער ערד אָפּגעגעבנ דעם ראַטווירט. אינ נעמ זעלביקנ יאָר האָט א טייל איבערוואנדערער פארלאָזט דעם ראַיאָנ אונ איז ארויסגעפאָרנ קיינ דאָנבאַס אונ אינ אנדערע ארבעטער־צענטרעג.

אָבער דער פראָצענט קינדער פונעם שול־עלטער, וועלכע לערנענ זיכ אינ די שולנ, וואקסט פונ יאָר צו יאָר. אינ 1929 יאָר האָבנ די שולנ ארומגעכאפּט 94 פראָצענט פונ אלע קינדער אינעם שול־עלטער, אונ אינ 1931 יאָר האָבנ זיי שוינ ארומגעכאפּט אלע קינדער פונעם אנטשפּרעכיקנ עלטער. א באזונדערע אופמערקזאמקײַט פארדינט דאָס, וואָס ס'איז פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל שולנ פונ דער 2־טער שטופע אונ וואָס צוזאמענ דערמיט



קומט פאָר דער פּאָליטעכניזאציע־פּראָצעס פונ דער שול. בא די 7־יאָריקע שולנ זײַנענ פאראנ אינטערנאטנ צו באדינענ די קינדער, וואָס נאָכנ ענדיקנ די שול פונ דער ערשטער שטופע, זײַנענ זיי געקומענ אהער, צו לערנענ זיכ אינ דער שול פונ דער צווייטער שטופע, די קינדער באקומענ אינ די שולנ הייסע פרישטיקנ. אייניקע שולנ האָבנ בא זיכ אײַנגעפירט אנ אייגענע ווירטשאפט, סײַ צוליב לערנ־צילנ אונ סײַ צוליב פארבעסערנ די שטייגערישע באדינגונגענ פונ די שילער. אינ נאָוואָדראָוקער שול איז פאראנ א סטאָליער־ווארשטאט, 2 ארבעט־צימערנ. די עלטערע גרופּנ דערלערנענ דעם טראקטער. בא דער שול איז פאראנ א קליינע אויפּעסצוכט־ווירטשאפט פונ העכער 100 שטיק אויפּעס, ס'איז דאָ א שטאל מיט עטלעכע בעהיימעס אפ צו באזאָרגנ די קינדער מיט מילכ צו די פרישטיקנ. אינ א ריי שולנ זײַנענ אײַנגעאָרדנט גאנצ גוטע פיזישע קאבינעטנ, קליינע לאבאָראטאָריעס, די שול־ביבליאָטעקנ ווערט יאָר־יערלעכ קאָמפּלעקטירט מיט נײַע ביכער.

אינ יעדער שול איז פאראנ א וואנט־צײַטונג, וואָס גייט ארויס פּינקטלעכ. צווישנ דער שול אונ דעם קאָלווירט איז אײַנגעשטעלט א פּראָדוציר־קאָנטאקט. עס איז קעדײַ צו אָנווײַזנ פאָלגנדיקנ פאקט. די לימודים ווערנ אינ די שולנ פונ די קאָלאָניעס אונ אינ די איבערוואנדערישע יישובים געפירט אפ יידיש. מע לערנט פארשטייט זיכ, אויכ די אוקראַינישע אונ די רוסישע שפּראכנ אונ זייערע ליטעראטורנ. נאָר אינ די דאָזיקע 7־יאָריקע שולנ זײַנענ צווישנ די שילער פאראנ אויכ קינדער, וואָס קומענ פונ יענע אוקראַינישע דערפער, אינ וועלכע ס'איז ניטאָ קיינ 7־יאָריקנ שול, די אוקראַינישע קינדער האָבנ באהערשט די יידישע שפּראכ אונ צוזאמענ מיט אוקראַיניש אונ רוסיש לערנענ זיי אויכ די יידישע שפּראכ אונ ליטעראטור. די געמיינזאמע שול־יאָנטויוויים פונ די אוקראַינישע אונ יידישע שולנ, סאָצגעוועט צווישנ די יידישע אונ אוקראַינישע קאָלווירטנ אונ בריגאדעס, די פּיאָנערישע ארבעט צווישנ די קינדער פארפעסטיקנ די יעסוידעס פונ דער אינטערנאציאָנאלער דערציונג.

א גרויסע ארבעט האָט דער ראַיאָנ דורכגעמאכט פאר די ערשטע 3-4 יאָר אפנ געביט פונ ליקווידירנ דעם אנאלפאבעטיזם. מיט דער הילפ פונ דער ראַיאָנישער קאָמיוג־אָרגאניזאציע האָבנ 400 מאנ ליקווידירט זייער אנאלפאבעטיזם. 1200 מאנ האָבנ ליקווידירט זייער קנאפּיווערדיקײַט. דער נײַ־זלאטאָפּאָלער ראַיאָנ, א ראַיאָנ פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, איז איצט אויכ א ראַיאָנ פונ דורכויסיקער איווערדיקײַט. אינ 5 שולנ פאר קאָלווירטישער יוגנט לערנענ זיכ ארומ 200 מאנ. שוינ דאָס פערטע יאָר פונקציאָנירט אינעמ ראַיאָנ א זאָאָטעכנישער טעכניקום פאר 90 סטודענטנ.

יעדנ יאָר באקומענ די שולנ אלצ מער אונ אלצ בעסער קוואליפיצירטע פּעדאגאָגישע קאדרעג.

אין 1930 יאָר זײַנען געווען אין ראַיאָן אינגאַנצן 43 לערער, אין 1931 יאָר — 66, אין 1932 — 69 און צום 1/1 1934 יאָר 116 לערער. ס'איז אויסגעוואַקסן די צאָל ביבליאָטעקן. פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז די צאָל ביכער אין די ביבליאָטעקן פאַרגרעסערט געוואָרן אין דרײַ מאָל. אין 1930 יאָר זײַנען אין אַלע ביבליאָטעקן פונעם ראַיאָן געווען בלויז 6 טויזנט בענדער, צום אָנהייב 1932 יאָר האָט שוין בלויז איין ראַיאָנער ביבליאָטעק אין נײַזאַטאָפּאָל געהאַט אַרום 7 טויזנט בענדער, און אַריבער 3 טויזנט האָבן געהאַט די 17 דאָרפישע ביבליאָטעקן אין אַנדערע פּונקטן פונעם ראַיאָן. ווי עס איז צו זען, האָט די בילדונג-אַרבעט אינעם ראַיאָן גרויסע דערפאָלגן. אינעם בודזשעט פון ראַיאָן ווערן פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט די אַסיגנירונגען אַף פאָלקס-בילדונג.

אַזוי, למשל, האָבן די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע הויצאָעס אַף בילדונג לויט באַזונדערע יאָרן זיך אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ציפער:

| יאָרן | אַלגעמיינע סומע בודזשעט-אַסיגנירונגען אַף בילדונג | פּראָצענט פאַרגרעסערונג פון די אַסיגנירונגען | ספּעציפישער געוויכט פון די הויצאָעס אַף בילדונג אינעם אַלגעמיינעם בודזשעט פונעם ראַיאָן |
|---|---|---|---|
| 1931 | 95.300 | 100,0 | 28,5 |
| 1932 | 299.800 | 314,5 | 42,8 |
| 1933 | 327.100 | 343,2 | 44,0 |
| 1934 | 944.900 | 991,5 | 49,3 |

די געבראַכטע ציפער באַווײַזן, וואָס פאַר א גרויסע אויפמערקזאַמקייט מע גיט צו אינעם ראַיאָן דער בילדונג-אַרבעט.

נאָר דאָ דאַרף מען אָבער אָנווײַזן, אַז די קולטמאַסעווע אַרבעט האָט אַסאַך שוואַכע זײַטן. באַזונדערס אין די קליינע איבערוואַנדערישע ישובֿים דאַרף מען פירן זייער אַן אינטענסיווע און טיפע קולטור-מאַסעווע אַרבעט. די יוגנט, וועלכע קומט צופאָרן פון שטאָט, קאָן ניט שאָלעם מאַכן מיט דער אײַנערטקייט, וועלכע אַרום אין די סטאַנציע-ישובֿים, אין די שאַכטע ראַיאָנען און אַף די נײַע בויונגען, און אין די שטעט קאָכט אַזוי דאָס לעבן. די פאַרנאַכלעסיקונג פון דער קולטמאַסעווער אַרבעט, פון דער קולט-מאַסעווער באַדינונג פון דער באַפעלקערונג איז זיכער געווען איינע פון די סיבעס, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז א באַדײַטנדיקער טייל פון דער



יוגנט איז אַוועק צוריק אין שטאָט. א גוטע אָרגאַניזירונג פון דער קולט-מאַסעווער אַרבעט האָט א דירעקטע ווירקונג אַף דער אָרגאַניזאַציאָנעל-ווירטשאַפטלעכער פאַרפעסטיקונג פון די קאָלווירטן. מע דאַרף דאָך שאַפן א נײַע פּסיכאָלאָגיע באַם מענטשן, וועלכע האָבן פריִער געזען אין זייער קליינעם נישטיקן ביסל אייגנס דעם גאַנצן זין פון זייער לעבן, דעם קוואַל פון זייער ווילשטאַנד, ווי ניט זיכער דער דאָזיקער קוואַל איז.

מע האָט דאָך באַדאַרפט דעמאַסקירן די כיטרע גענג און רעכילעס פון דעם באַלעגוף, וועלכער איז אַריבער פון אַן אָפענעם אַקטיוון קאַמף קעגן דער קאָלווירטישער אָרדענונג צו אונטערגראָבן זיך שטילערהייט, צו שטי-לער סאַבאָ, וואָס איז פיל שווערער צו באַמערקן. מע האָט באַדאַרפט ענ-דערן די פּסיכאָלאָגיע פון די נײַע ערד-אַרבעטער, וועלכע זײַנען אַריבער-געפאָרן פון שטעטל אין סטעפּ אַרײַן, זײַנען אַריבער פונעם וואַרשטאַט צו פון דער קראַם צום אַקער און צום טראַקטער. מע האָט באַדאַרפט פאַר-ברייטערן דעם וועלט-באַנעם פון די דאָזיקע מענטשן, באַלויכטן פאַר זיי די גראַנדיעזע פּאַנאָראַמע פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אַף די אומגע-הייערע שטרעקעס פונעם ראַטנלאַנד. מע האָט באַדאַרפט אַרויסשלעפּן די שטעטלשע אָרעמקייט פון די קעלער-שטיבלעך און ערד-הײַזלעך און זיי צוגעוווינען צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. צוזאַמען מיטן פּראָצעס פון א טיפער פּסיכאָלאָגישער איבערבויונג האָט געדאַרפט פאָרקומען א פּאַראַ-לעלער פּראָצעס, אַן אומדערהערטער אין דער געשיכטע, א פּראָצעס פון איבערבויען די באַציִונג פון מענטשן צו אַרבעט, צו געזעלשאַפט-לעכן אייגנטום, צו די אַלטע פאַרשימלטע וואָרצלען פון רעליגיע, צו דער פרוי, צו קינדער-דערציִונג און צום גאַנצן קאָמפּליצירטן שטייגער-קאָמפּלעקס.

ס'האָט זיך דאָ ווירקלעך געפאָדערט א זייער פאַרטיפטע אַרבעט איבערן מענטשלעכן מאַטעריאַל, וועלכער האָט נאָך געלעבט מיט די פאָרורטיילן, אַלטע טראַדיציעס און געוווינהײַטן אין די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן און אינעם גאַנצן לעבנס-שטייגער. די קלענסטע אָפּשוואַכונג פון דער קולטור-לער מאַסן-אַרבעט האָט זיך אומפאַרמײַדלעך געמוזט אָפּשפּיגלען אַפן ווירט-שאַפטלעכן ווילשטאַנד פון די קאָלווירטן. א ריי דורכבראַכן אין די קאָל-ווירטן קאָן מען טאַקע אַנדערש ניט דערקלערן, ווי בלויז מיט דעם, וואָס דאָרט איז געווען ניט ווי געהעריק אַוועקגעשטעלט די פּאָליטיש-דערציִערישע אַרבעט. קיינער האָט זיך ניט באַשעפטיקט דערמיט, אַז מע זאָל אַרויסרוקן די בעסטע קאָלווירטישע מענטשן, וועלכע טוען באַשיידן די אַלגעמיינע אַרבעט. די ענערגיע פון דער יוגנט האָט ניט געפונען די נייטיקע אָנווענדונג. קיינער האָט ניט אַנאַליזירט און כאַראַקטעריזירט די סיבע, פאַרוואָס דער אָדער

יענער געביט אינ קאָלווירט איז אָפּגעשטאַנענ. די קאָלווירטישע פאַרזאַמלונגענ זײַנענ געווענ ניט אינטערעסאַנט. די לײַענשטיבלעכ האָבנ ניט באַשאַפנ קיינ מונטערע פרישקײַט אונ געזעלשאַפטלעכע געמיטלעכקײַט בא זײערע באַזוכער. אָט אַזאַ מינ לאַגע האָט אינ אייניקע ווייניקער באַפעלקערטע איבערוואַנדערישע יישובים ניט געקענט ניט ברענגענ דערצו, אַז א טייל איבערוואַנדערער זאָל פאַרלאָזנ די פּאָגדנ.

אָבער מיטנ אָרגאַניזירנ די פּאָליט־אָפּטיילנ בא די מט"ס איז אַרײַנגעטראָגנ געוואָרנ א נײַער פרישער שטראָם. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרנ פאַרשטאַרקט. ס'האָבנ זיכ אַרויסגערוקט נײַע מענטשנ, נײַע שלאָגלער אונ שלאָגלערנס. דער פאַקט אַליינ, וואָס מע האָט עפנטלעכ באַוויזנ זײער באַציִונג צו דער אַרבעט, האָט געבראַכט דערצו, אַז די דאָזיקע נײַע מענטשנ זײַנענ געוואָרנ די סאַמע אָנגעזעענסטע אונ זיי האָבנ באַקומענ די ערשטע שטימע אינ דער קאָלווירטישער געזעלשאַפטלעכקײַט. ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרנ די פּאָליט־דערציִערישע אַרבעט אינ די קאָלווירטנ. די ראַיאָנע צײַטונג „קאָלווירט־שטערנ", וועלכע גייט אַרויס אינ דער צײַט פונ די פאַראַנטוואָרטלעכע קאַמפּאַניעס יעדנ טאָג, ווערט צוגעשטעלט ניט בלויז אינ יעדנ קאָלווירט, נאָר אויכ אינ יעדער בריגאַדע, אינ יעדער אַרטעל. ס'איז אויסגעוואַקסנ די צאָל נײַע קולטורעלע מענטשנ. אינ יעדער קאָלווירט איז אויסגעקריסטאַליזירט פרישע קרעפטנ פונ דער נײַער ראַטנ־קולטור. זײערע קולטורעלע געוווינהײַטנ, זײער לאָגיק האָבנ א מאָראַלנ אײַנפלוס אָפּ די קאָלווירטישע מאַסנ. די ראַטנ־שול, וועלכע איז מיט לײַבעדיקע פעדימ פאַרבונדנ מיט דער פאַמיליע, טראָגט אַרײַנ אינ יעדנ הויז א פרישנ שטראָם. די ראַיאָנע צײַטונג, וועלכע ווערט שנעל פאַנאַנדערגעשיקט אינ די קאָלווירטנ אינ די הונדערטער עקזעמפּליאַרנ, אינ די צענטראַלע צײַטונגענ, וועלכע קומענ אָנ טאָג־טעגלעכ, די ראַדיאָ־אויפנעמערס אונ די טעלעפאָנ־באַדינונג שפּיגלענ אָפּ דעמ פולס פונעמ גאַנצנ לעבנ אינ לאַנד. ס'איז שוינ ניטאָ דער געפיל פונ פאַרוואָרפנקײַט, אָפּגעזונדערטקײַט. ס'זײַנענ שוינ מער ניטאָ קיינ פאַרוואָרפענע ווינקלעכ. ווענ דער אויספילונג פונעמ פּאַרזיי־פּלאַנ, פונ דער שניט־קאַמפּאַניע, פונ די ברויט־פאַרגרייטונגענ ווערט אַפנ אַנדערנ טאָג באַוווּסט אינ אַלע אַרומיקע פּונקטנ. די פּאָרטרעטנ פונ די בעסטע שלאָגלערס קוקנ מונטער אַראָפּ פונ די זײַטנ פונ די געגנטלעכע אונ צענטראַלע צײַטונגענ. א דורכרײַס ווערט באַלד באַוווּסט דער גאַנצער ראַטנ־געזעלשאַפטלעכקײַט. דעמ פלעק קאָנ מענ ניט אַראָפּוואַשנ ביז מע ליקווידירט ניט דעמ דורכרײַס. שפּעט אינ אָוונט פליט א קוריער פונ דער בריגאַדע גלײַכ פונעמ פעלד אינ דאָרפראַט אַרײַנ מיט ידיעס וועגנ די אָפּגעטאָנענע אַרבעטנ. גלײַכ בא דער נאַכט גיט מענ וועגנ דעמ טעלעפאָניש צו וויסנ דעמ רײַערד־אָפּטייל אונ רײַוויספּידקאָם. אינ א



א טאָג אַרומ ווערנ די ראַיאָנע יעדיעס שוינ אַנאַליזירט אינ די צענטראַלע אונ אינ די געגנטלעכע פּרעסע־אָרגאַנענ. דאָס באָלשעוויסטיש געדרוקט וואָרט דערגייט שנעל ביז דער בריגאַדע אונ ביזנ רינג. אונ בא יעדנ ערלעכנ האָרעפּאַשניק וואַקסט דאָס געפיל פונ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער גרויסער אַלגעמיינער בויונג. אַזוי דערציִט די נײַע קולטור, וועלכע איז ענג פאַרבונדנ מיט דער פּראָדוקציע אינ מיטנ שטייגער, נײַע מענטשנ. אינ דער אָנשטרענגונג פונעמ ווילנ אונ פונעמ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט־געפיל שמידנ זיכ אויס אַרבעט־העלדנ, די טרעגער פונ א נײַער קולטור, עס ווערט באַשאַפנ דער סאָציאַליסטישער טיפּ מענטש.

אָפּ וויפל דאָס געדרוקטע וואָרט ווירקט אָפּ דער קולטורעלער בויונג פונעמ נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָנ קענ מענ אורטיילנ פונ דער צאָל אויסגעשריבענע צײַטונגענ אונ זשורנאַלנ.

דער טיראַזש פונ דער ראַיאָנער צײַטונג, וועלכע גייט אַרויס געוויינלעכ איבער א טאָג, אונ בעשאַס די גרונטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס — טעגלעכ — איז 1500 עקזעמפּליאַרנ. די צאָל עקזעמפּליאַרנ פונ די טעגלעכע געגנטלעכע אונ צענטראַלע צײַטונגענ האָט אינ יאַנוואַר כוידעש פונ 1934 יאָר דערגרייכט .ביז 1.960.

אינ דעמ זעלביקנ כוידעש האָט דער ראַיאָנ באַקומענ 577 זשורנאַלנ. די טעלעפאָנ—פאַרבינדונג איז נאָכ ניט ווי געהעריק אײַנגעאָרדנט. מיטנ ראַיאָנעמ צענטער זײַנענ פאַרבונדנ טעלעפאָניש בלויז 7 פּונקטנ. די לענג פונ די טעלעפאָנ־ליניעס אינעמ ראַיאָנ האַלט 68,5 קילאָמעטער. טעלעפאָנאַפּאַראַטנ זײַנענ דאָ 45, טעלעגראַף־אָפּטיילונגענ — 1, 6 פּאָסט־אָפּטיילונגענ אונ א ראַדיאָ־סטאַנציע — 56 ראַדיאָ־פּונקטנ.

א היפּש ביסל האָט דער ראַיאָנ באַוויזנ אויפצוטאָנ אָפּנ געביט פונ אָרגאַניזירנ קינדער־יאַסליעס. שטענדיקע קינדער־יאַסליעס זײַנענ געווענ בלויז אינ דער קאָמונע „עמעס". צומ 1/1 1933 יאָר זײַנענ דאָרטנ געווענ 69 קינדער. צומ 1־טנ אויגוסט 1933 יאָר האָבנ אינ 18 פּונקטנ געאַרבעט זומערדיקע יאַסלעס, אינ וועלכע עס האָבנ זיכ אויפגעהאַלטנ 946 קינדער. זומערצײַט אַנטוויקלט זיכ אויכ א נעץ פונ קינדער־פּלעצער. איינ קינדער־פּלאַץ וועלכער כאַפּט אַרומ 80 קינדער, אַרבעט א גאַנצ יאָר. אינ פראַט פונ דער מעדיצינישער באַדינונג לאָזט זיכ פילנ די צעוואָרפנקײַט פונעמ ראַיאָנ. דער דאָזיקער מינ באַדינונג האָט נאָכ א סאַכ דעפעקטנ. אינ ראַיאָנעמ צענטער איז דאָ, דער איינציקער אינ ראַיאָנ, שפּיטאָל מיט 15 בעטלעכ. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל פונ שפּיטאָל באַשטייט פונ 1 דאָקטער, 2 געהילפדאָקטוירימ אונ 1 אַקושערקע. אַמבולאַטאָריעס זײַנענ פאַראַנ אינ 4 פּונקטנ: אינ נײַזלאַטאָפּאָל, אינ וואָראָשילאָווקע, אינ ראַטנ־דאָרף אונ אינ זעליאָנאָפּאָל. א דאָקטער איז פאַראַנ בלויז אינ איינ אַמבולאַטאָריע. די איבעריקע ווערנ

באדינט פונ הילפ־דאָקטוירימ. באזונדערע פונקטנ באקומענ די נייטיקע מעדיצינישע הילפ אינ אנדערע פונקטנ פונ די שכייניש ראיאָנענ: אינ די דערפער װאָלאָסאָװקע, פערװאָמײַסק, (צארעקאָנסטאנינאָװקע), האָלײַפּאָלע, אלט־קערמענטשיק.

דער ראיאָנ איז אָפּגעשטאנענ אינ הינזיכט פונ װעטערינארער באדינונג. בא אזא היפשער צאָל גרויסנ האָרנ-פי, כאזײרימ, פערד, 18 סכוירעדיקע מילכ-פערמעס אונ 8 כאזײרימ־ציכטלערישע פערמעס, נייטיקט זיכ דער ראיאָנ שוינ פונ לאנג אינ א װעטערינארנ שפּיטאָל. דער גאנצער װעטערינארער פּערסאָנאל פונעמ ראיאָנ באשטייט פונ 1 װעטערינאר-דאָקטער אונ 2 װעטערינאר־פעלדשערס.

דער ראיאָנ איז מער װייניקער באזאָרגט מיט ספּעציאַליסטנ אפנ געביט פונ לאנדװירטשאפט. אינ ראַיערד־אָפּטייל, אינ דער מט״ס אונ אינ די קאָלװירטנ זײַנענ פאראנ 6 אגראָנאָמענ, אונ 4 זאָאָ־טעכניקער. ס׳איז אויכ פאראנ איינ ספּעציאַליסט איבער סעדערײַ אונ װײַנגערטנערײַ.

מע דארפ באצייכענענ די הויכע קװאליפיקאציע אונ די ברייטע ערודיציע פונ 2 אָנפירנדיקע אגראָ־טוערס פונעמ ראיאָנ — פונעמ ראיאָנעמ אגראָנאָמ כ׳ באלאָבאָנער, אונ פונעמ עלטערנ אגראָנאָמ אינ דער מט״ס כ׳ רובינ. די דאָזיקע כאװײרימ האָבנ דורכגעמאכט אינ מעשעכ פונ 7 יאָר א גרויסע ארבעט. זיי האָבנ נאָכ ביז דער אָרגאניזירונג פונעמ ראיאָנ אָנגעפירט מיט דער אײַנאָרדענונג פונ די איבערװאנדערער. דאָס זײַנענ װירקלעכ הויכ-קװאליפיצירטע סאָװעטישע ספּעציאַליסטנ אפנ געביט פונ לאנדװירטשאפט. זיי האָבנ פארשטאנענ אויסקלײַבנ זיכ צוהילפ פונ צװישנ די קאָלװירטניקעס פײַיקע מענטשנ אונ דערציִענ פונ זיי דערפארענע פאָרגעשריטענע טוער אפנ געביט פונ דער קאָלװירטישער בויונג. זיי האָבנ דורכגעמאכט צוזאמענ מיט דער פארטײַישער אונ קאָמיוגישער אָרגאניזאציע דעמ גאנצנ װעג פונ דער דריבנער אינדיװידועלער ביז צו דער גרויסער קאָלעקטיװער װירטשאפט אונ זיי זעצנ אויכ איצט פאָר ארבעטנ אפנ געביט פונ דער אָרגאניזאציאָנעל-װירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פונ די קאָלװירטנ.

## נײַזלאטאָפּאָלער קערנער־ראטװירט

אינ 1930 יאָר האָט מענ אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ אויסגעטיילט פארנ נײַאָרגאניזירטנ ראטװירט „אזאָװ“ 26 טויזנט הא ערד. אינ דער געװעזענער קאָלאָניע „פּראָלעטארסקאיא“ האָט זיכ געפונענ איינער פונ די אָפּטיילנ פונעמ ראטװירט. צומ אָנהייב 1934 יאָר בעשאס מע האָט פארקלענערט די קערנער־ראטװירטנ, האָט מענ פארקלענערט אויכ דעמ קערנער־ראטװירט „אזאָװ“. פונ זײַנ טעריטאָריע האָט מענ אויסגעטיילט א זעלבסטשטענדיקנ



ראטװירט (אפ א שעטעכ פונ 5.800 הא), װעלכער הייסט נײַזלאטאָפּאָלער. דער אקער - פײַיקער שעטעכ באטרעפט דאָרט 5.200 הא. פארנ זיי־פארקער האָט מענ אויסגעטיילט א שעטעכ פונ 5.000 הא.

די גרונטלעכע פּראָדוציר־צײַגער פונ נײַזלאטאָפּאָלער קערנער־ראטװירט אינ 1934 יאָר, לויטנ אלגעמײנעמ פּראָמפינפּלאנ פונ דניעפּראָפּעטראָװסקער קערנער־טרעסט, זײַנענ אזוינע:

### דער שניט-שעטעכ אינ 1934 יאָר:

| | | |
|---|---|---|
| װינטער־װייץ פונעמ פארזיי פונ 1933 יאָר | 490 | הא |
| זומערדיקע טװוע-פארזייונגענ פונ 1934 יאָר | 1 970 | 〃 |
| דערפונ: | | |
| זומער־װייץ | 688 | 〃 |
| האָבער | 38 | 〃 |
| גערשטנ | 1 087 | 〃 |
| קוקורוזע אפ קערנער | 57 | 〃 |
| פּראָסע | 100 | 〃 |

### אנדערע קולטורנ:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| װאָרצל-פרוכטנ | 4 | 〃 | | |
| סילאָס-קולטורנ | 17 | 〃 | | |
| אייניאָריקע גראָזנ | 91 | 〃 | 112 | הא |
| אינגאנצנ זומער־פארזיי | — | 〃 | 2 082 | 〃 |
| אינגאנצנ װינטערדיקע אונ זומערדיקע טװועס צומ שניט | — | 〃 | 2 572 | 〃 |

דער פּלאנ פונעמ סטעפּישנ היי־שניט, כוץ די פארזייטע גראָזנ, איז באשטימט געװאָרנ אפ 300 הא.

אינ זינ פונ צוגרייטנ דעמ באָדנ פאר דעמ פארזיי פונ דעמ קומענדיקנ יאָר האָט דער ראטװירט באקומענ פאָלגנדיקע אויפגעבונגענ:

| | | |
|---|---|---|
| צוגרייטנ אינ הארבסט 1934 יאָר פאר װינטער־פארזייונגענ | 1949 | הא |
| צוגרייטנ פרילינג 1935 יאָר שװארצברוכ פאר זומער־פארזייונגענ | 607 | 〃 |
| אינגאנצנ | 2 556 | הא |
| אויסשיילונג | 950 | הא |
| דורכאקערונג פונ פריר־אקער | 1815 | הא. |

אפ אזא אויפנ האָבנ די 5128 הא שניט־שעטעכ אינ 1934 יאָר צוזאמענ מיטנ שװארצברוכ־שעטעכ געגעבנ א מעגלעכקײַט באהערשנ דעמ גאנצנ אקער־פײַיקנ שעטעכ פונעמ ראטװירט, אפ װעלכנ עס איז פארפעסטיקט געװאָרנ דער פינפ־פעלדיקער קערנער־זיי־פארקער.

| צ ײַ ג ע ר | מינים קולטורן | | פוראזש | אינגאנצן |
|---|---|---|---|---|
| | דערנערונג | גרויפּן | | |
| **האכנאָסע** | | | | |
| 1. געבליבן צום 1/I 1934 „ . . . . . . . | 581 | 10 | 214 | 805 |
| 2. גערעטעניש אין 1934 יאָר . . . . . . . | 10.060 | 800 | 12.079 | 22.889 |
| 3. באזאָרגט לויט אָרדערס אָדער אײַנגעקויפט: | | | | |
| א) פון 1/I 1934 ביז דער גערעטעניש . . | 860 | 35 | 1.407 | 2.302 |
| ב) נאָך דער נײַער גערעט, ביז דעם 1/I 1935 י. . . . . . . . . . . . . | 1.185 | — | — | 1.185 |
| 4. אינגאנצן האכנאָסע פארן יאָר . . . . | 12.686 | 845 | 13.650 | 27.134 |
| **הוצאָעס:** | | | | |
| 1. פארגרייטונגען פאר דער מעלוכע . . . | 5.265 | 459 | 8.733 | 14.457 |
| 2. אף זריע . . . . . . . . . . . . . | 3.296 | 35 | 1.427 | 4.758 |
| 3. אף דערנערונג: | | | | |
| א) פון 1/I 1934 י. ביז דער נײַער גערעטעניש . . . . . . . . . . . | 358 | 9 | 132 | 499 |
| ב) פון דער גערעטעניש 1934 ביזן סאָף י. | 449 | 100 | 13 | 562 |
| 4. אף פיטער פארן פי: | | | | |
| א) ביז דער נײַער גערעטעניש פון 1/I . | — | — | 268 | 268 |
| ב) פון דער גערעטעניש ביזן סאָף יאָר . | — | — | 491 | 491 |
| 5. אָפּפאַל פון דער זריע־האלוואָע . . . . | 2.045 | 35 | 1.407 | 3.487 |
| 6. גארנצ־שטײַער . . . . . . . . . . . | 129 | 37 | 22 | 168 |
| 7. אינגאנצן אויסגעגעבן . . . . . . . . | 11.768 | 655 | 12.267 | 24.690 |
| 8. דעריבּ פון דער גערעטעניש פון 1934 י. . | 10.327 | 610 | 10.646 | 21.583 |



אין דער פּראָדוקציר־פּראָגראם פון ווינטער־פארזיי איז אין הארבסט 1934 יאָר אָנגעמערקט געוואָרן א פארזיי פון 1949 הא ווינטער־קולטור אפן ריינעם שווארצברוך. דערבײַ האָט דער דניעפּראָפּעטראָווסקער טרעסט אָנגעמערקט צו פארזייען אין נײַזלאטאָפּאָלער ראטווירט 948 הא קאָרן און 1001 הא ווינטער־ווייץ.

די אָנגעמערקטע מאָסמיטלען אף ראצ־אָנאליזירן און פארבעסערן דעם באָדן — גאראנטירן א העכערע גערעטעניש פון די טוווע־קולטורן, איידער עס איז פארפּראָיעקטירט געוואָרן אפן 1934 יאָר. מיר ברענגען דאָ אָנגאבן וועגן דער פארפּראָיעקטירטער גערעטנקייט:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ווינטער־ווייץ . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 10 | צענטנער | פון 1 הא |
| זומער־ווייץ . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 7,5 | „ | „ 1 „ |
| האָבער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 11,9 | „ | „ 1 „ |
| גערשטן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 10,0 | „ | „ 1 „ |
| קוקורוזע . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 13,0 | „ | „ 1 „ |
| פּראָסע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 8,0 | „ | „ 1 „ |
| אין דורכשניט לויט אלע טוווע־קולטורן . . . . . . . . . . | 9,3 | „ | „ 1 „ |
| די גערעטעניש פון דער קוקורוזע־מאסע אף סילאָס . . . . . . . | 100 | „ | „ 1 „ |
| „ „ היי פון פארזייטע גראָזן . . . . . . . . . | 30 | „ | „ 1 „ |
| „ „ סטעפּישן היי . . . . . . . . . . . . . | 15 | „ | „ 1 „ |

דער אלגעמיינער ברוטא־פוראזש באלאנס פון נײַזלאטאָפּאָלער טוווע־ראטווירט אפן 1934 יאָר זעט אויס לויט די אויסרעכענונגען פון דניעפּראָפּעטראָווסקער טוווע־טרעסט אזוי: (אין צענטנערס)

(די טאבעלע זע אף דער זײַט 154)

בלײַבט צום 1/1 1934 יאָר. — 918 צענטנער דערנערונג־קולטורן, 190 צענטנער גרויפּנדיקע, 1.383 פוראזש. אינגאנצן, הייסט עס, בלײַבט 2.491 צענטנער טוווע צו דעקן די באדערפענישן פון 1/1 1935 יאָר ביז דער נײַער גערעטעניש פון 1935 יאָר.

די דאָזיקע באדערפענישן זײַנען אזוינע:

אף זריע — 1.489 צענטנער, אף פיטער פארן פי — 480 צענטנער, אף דערנערונג — 522 צענטנער. דאָס הייסט די גאנצע איבערגעבליבענע 2.491 צענטנער.

אף אזא אופן, דארף דער ראטווירט אין 1935 יאָר אָפּליפערן דער מעלוכע, אײַנגעשלאָסן שוין דאָס דעקן די זריע־האלוואָעס און דעם גאנצן שטײַער — 18.112 צענטנער טוווע.

דער ענערגעטישער באלאנס פונעם נײַ־אויסגעטײלטן טוווע־ראטווירט האָט אין 1934 יאָר מיט זיך פאָרגעשטעלט פאָלגנדיקע בילד:

10 טראקטערס 15/30 — 150 פערד־קראפט. אינ 1934 יאָר האָבנ גע־דארפט ארײַנגעפירט ווערנ 7 מעכטיקע ריופּנ-טראקטערס. 336 פערד־קראפט. אינגאנצנ 486 פערד-קראפט. דער אווטאָ-טראנספּאָרט האָט א טאָנאזש פונ 16,5 טאָנ לאסט.

די פארזיכערטקײַט מיט ארבעט־פי צומ 1/1 1934 יאָר איז געווענ אזא: 10 ארבעט־פערד, 8 אָקסנ.

אינ 1934 יאָר איז געווענ אָנגעמערקט צו דערפירנ די צאָל שטיק ארבעט־פי ביז 21 פערד אונ 46 אָקסנ.

אויב מע זאָל רעכענענ אז די גאנצע צאָל ארבעט-פי לויטנ פּלאנ איז ארײַנגעפירט געוואָרנ, אונ אויב מע זאָל רעכענענ איינ פערד פאר 0,7 פערד-קראפט אונ אנ אָקס פאר 0,5 פערד־קראפט, וועט די אלגעמיינע מעכטיקײַט פונ דער מעכאנישער אונ פונ דער לעבעדיקער שלעפּט־קראפט באטרעפנ:

| | | |
|---|---|---|
| טראקטערס | 486 | פערד־קראפט |
| פערד | 14 | ״ |
| אָקסנ | 23 | ״ |
| אינגאנצנ | 523 | פערד־קראפט |

אפ איינ פערד-קראפט קומט אויס 10 הא אקער-פּײַקנ שעטעכ, דאָס איז א גרויסע אָנלאָדונג, בפרט נאָכ, אז א טייל פערד איז פארנומענ אויכ מיט באדינענ דעמ טראנספּאָרט, אזא מינ לאגע וועט צווינגענ דעמ דניעפּראָפּעטראָווסקער טוווע-טרעסט צושיקנ אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ נאָכ טראקטערס, קעדיי צו דערפירנ די אָנלאָדונג אפ איינ פערד־קראפט ביז 7-6 הא.

קיינ פּראָדוקטיווע פי איז אינ נײַזלאטאָפּאָלער טוווע־ראטווירט קימאט ווי ניטאָ.

דער פאָנד פונ ארבעט - לוינ אינעמ ראטווירט איז אויסגערעכנט גע־וואָרנ דורכנ טרעסט אפ 1934 יאָר אפ פאָלגנדיקנ אויפנ:

**1. שטענדיקע ארבעטער:**

| | | |
|---|---|---|
| דורשניטלעכ-יערלעכע צאָל | 99 | מאנ |
| דער גאנצער פאָנד פונ ארבעטלוינ אפנ 1934 י. | 189.552 | רובל |
| 2. סעזאָנע אונ צײַטווײַליקע ארבעטער | 55 | מאנ |
| פאָנד פונ ארבעטלוינ | 33.362 | רובל |
| 3. אינזשענער־טעכנישער פּערסאָנאל | 6 | מאנ |
| פאָנד פונ ארבעטלוינ | 27.088 | רובל |



| | | |
|---|---|---|
| 4. אָנגעשטעלטע | 20 | מאנ |
| פאָנד פונ ארבעטלוינ | 43.009 | רובל |
| 5. יינגערער באדינונג־פּערסאָנאל | 13 | מאנ |
| פאָנד פונ ארבעט־לוינ | 7.483 | רובל |
| דורכשניטלעכע יערלעכע צאָל מענטשנ | 193 | מאנ |
| יערלעכע סומע ארבעטלוינ צוזאמענ מיט די ארופּרעכענונגענ | 300.494 | רובל |

די קאלקוליאציע-זעלבסטקאָסטנ פונ דער ראטווירט־פּראָדוקציע אינ 1934 יאָר זײַנענ דורכנ טרעסט אויסגערעכנט געוואָרנ אפ פאָלגנדיקנ אויפנ:

**קאָסטנ פונ 1 צענטנער:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| ווינטער־ווייצ | 12 | ר. | 42 ק. |
| האָבער | 9 | ״ | 95 ״ |
| גערשטנ | 9 | ״ | 66 ״ |
| זומער-ווייצ | 14 | ״ | 04 ״ |
| פּראָסע | 17 | ״ | 14 ״ |
| קוקורוזע | 11 | ״ | 03 ״ |
| פארזייטע גראָזנ | 3 | ״ | 30 ״ |
| סטעפּ־היי | 1 | ״ | 46 ״ |
| סילאָס | 1 | ״ | 21 ״ |
| וואָרצל-פּרוכטנ | 2 | ״ | 60 ״ |

אָט דאָס זײַנענ די גרונטלעכע צײַגער פונ נײַזלאטאָפּאָלער טוווע-ראטווירט אינ 1934 יאָר.

## דער ראיאָנער בודזשעט

פארווירקלעכנדיק די לענינישע נאציאָנאלע פּאָליטיק, קארגט ניט די ראטנ-מעלוכע קיינ מיטלענ אפ די אנטשפּרעכיקע דאָטאציעס, קעדיי אפילע א קליינער ראיאָנ זאָל קאָנענ אינ דער פולער מאָס זיכערנ די באדינונג פונ די ווירטשאפטלעכע אונ קולטורעל-שטייגערישע באדערפעניש פונ דער באפעלקערונג. דער בודזשעט פונעמ ראיאָנ ווערט פארגרעסערט פונ יאָר צו יאָר. אויב דער הויצאָעס-טייל פונעמ ביודזשעט האָט אינ 1931 יאָר באטראָפנ 333.400 רובל, איז ער אינ 1934 יאָר אויסגעוואָקסנ ביז 1.917.300 רובל.

לויט די איינצלנע גרונט־פונקטנ שטעלט מיט זיכ פאָר דער הויצאָעס־טייל פונעמ בודזשעט (לויט די יאָרנ) פאָלגנדיקנ בילד:

הויצאָעס אין רובל:

| בודזשעט־פּונקטן | 1931 | 1932 | 1933 | 1934 |
|---|---|---|---|---|
| | יאָרן | | | |
| 1. לאַנדווירטשאַפט . . . . . . | 23.100 | 28.100 | 34.400 | 147.900 |
| 2. בילדונג . . . . . . . . . | 95.300 | 299.800 | 327.100 | 944.000 |
| 3. געזונט־פאַרהיטונג . . . . | 70.900 | 122.600 | 118.500 | 275.400 |
| 4. פאַרוואַלטונג . . . . . . . | 144.100 | 170.500 | 263.200 | 549.700 |
| אינגאַנצן . . . . . . | 333.400 | 621.000 | 743.200 | 1.917.000 |
| אין פּראָצענטן צו 1931 י. | 100 | 185,7 | 222,2 | 575,0 |

דער הכנסה־טייל פונעם בודזשעט באַלאַנסירט זיך ניט אין אַלע יאָרן מיטן הויצאָע־טייל, ווײַל א טייל מיטלען קאָן אַמאָל בלײַבן ניט אויסגענוצט. אזא לאַגע איז געווען אין 1931 יאָר און אין 1932 י.

דער הכנסה־טייל פונעם בודזשעט לויט זײַנע צוויי גרונט־קוואַלן: אפן כעזשבן פון אייגענע מיטלען פונעם ראַיאָן און אפן כעזשבן פון דאָטאַציע, איז פאַרטיילט געוואָרן לויט די יאָרן אפ פאָלגנדיקן אויפן (אין רובל):

| האַכנאָסע־קוואַלן פון בודזשעט | 1931 | 1932 | 1933 | 1934 |
|---|---|---|---|---|
| | יאָרן | | | |
| 1) אייגענע מיטלען . . . . . . . | 131 300 | 286 500 | 348 500 | 311 400 |
| 2) דאָטאַציעס . . . . . . . . . | 268 500 | 367 000 | 395 000 | 1 605 000 |
| אינגאַנצן . . . . . | 399 800 | 653 500 | 743 500 | 1 916 400 |

דער ספּעציפישער געוויכט פון די אייגענע מיטלען און פון די דאָטאַציעס שטעלט מיט זיך פאָר אפ אזא אויפן פאָלגנדיקן בילד:



| יאָרן | | אייגענע מיטלען אין פּראָצענטן | דאָטאַציעס אין פּראָצענטן |
|---|---|---|---|
| 1931 | . . . . . . . . | 32,9 | 67,1 |
| 1932 | . . . . . . . . | 43,8 | 56,2 |
| 1933 | . . . . . . . . | 46,8 | 53,2 |
| 1934 | . . . . . . . . | 16,2 | 83,8 |

ווי ס'איז צו זען, איז אין משך פון אַלע יאָרן ביזן 1934 יאָר געשטיגן דער ספּעציפישער געוויכט פון די אייגענע מיטלען. און דאָס האָט בעמיילע פאַרקלענערט דעם ספּעציפישן געוויכט פון די דאָטאַציעס. אָבער דאָך, אפ וויפל עס איז געוואַקסן דער בודזשעט, איז צוזאַמען מיטן וווּקס פון די אייגענע מיטלען באַדײַטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן אויך די סומע דאָטאַציע פון דער מעלוכע.

נאָך א גרעסערן קאָנטראַסט באַמערקן מיר אין 1934 יאָר. דער ראַיאָן איז מיט שנעלע טעמפּן אַוועק אפן וועג פון פולשטענדיקן באַפרײַדיקן די ווירטשאַפטלעכע און קולטורעל־שטײַגערישע נויטן פון דער באַפעלקערונג. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פילן די רעזולטאַטן פונעם ערשטן פינפיאָר. דאָס צווייטע פינפיאָר, האָט אפ דער באַזע פון קימאַט הונדערטפּראָצענטיקן פאַרגעזעלשאַפטלעכן די לאַנדווירטשאַפט, שנעל א רוק געטאָן פאָרויס די קולטורעלע און שטײַגערישע איבערבויונג פונעם קאָלעקטיוויזירטן דאָרף, מע האָט געמוזט שטאַרק העכערן די נייטיקע בודזשעט־הויצאָעס. און די פּראָלעטאַרישע מעלוכע האָט פאַרגרעסערט פאַר איין יאָר די דאָטאַציע אפ 4 מאָל פון 394 טויזנט רובל אין 1933 יאָר — ביז איין מיליאָן 605 טויזנט אין 1934 י.

* * *

ווי ס'באַווײַזן די אַלע געבראַכטע מאַטעריאַלן האָט דער נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן שריט נאָך שריט פאַרפעסטיקט די נײַע קאָלווירטישע אָרדענונג. ער האָט זיך געשטעלט פעסט אפן סאָציאַליסטישן וועג, האָט באַהערשט די נײַע טעכניק און די קולטורעלע דערגרייכונגען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. נאָכן ליקווידירן דאָס באַלעבאָטישע קלאַס גייט דער נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן מיט שנעלע טריט צו א פאַרמעגלעך קאָלווירטיש לעבן.

די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פונעם ראַיאָן האָט דורכגעמאַכט א גרויסע און שווערע אַרבעט אפן געביט פון איבערבויען דאָס דאָרף, פון פאַרפעס-

טיקנ די לאגע פונ די איבערוואנדערער, פונ פארוואנדלענ די געוועזענע לופט־מענטשנ פונ די שטעט און שטעטלעכ אינ נוצלעכע ארבעטנדיקע בירגער פונעמ נייַעמ סאָציאַליסטישנ דאָרפ. זי האָט דורכגעפירט א גרויסע ארבעט אפנ געביט פונ דער אינטערנאציאָנאלער דערציִונג פו. די קאָלווירטישע מאסנ און האָט ארויסגערוקט פונ זייערע טיפעניִשנ נייַע מענטשנ. דער ראיאָנ פארמאָגט א פעסטנ מאָנאָליטישנ פארטייִשנ, סאָוועטישנ און קאָלווירטישנ אקטיוו. ס'שטייט נאָכ פאָר א סאכ ארבעט, ס'וועט נאָכ אויסקומענ בייַצוקומענ אסאכ שוועריקייַטנ, וועלכע קומענ פונ דעמ ווירטשאפטלעכנ און קולטורעלנ וווּקס פונ ראיאָנ. נאָר קיינ זאכ קאָנ ניט אָפּשטעלנ דעמ זיגרייַכנ גאנג צו פולשטענדיקנ פארווירקלעכנ דעמ לאָזונג פונ דעמ באליבטנ און גרויסנ פירער — ס ט א ל י נ „מאכנ אלע קאָלווירטנ פאר באָלשעוויסטישע — און אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע".

ס'זייַנענ שוינ לאנג פארגעסנ געוואָרנ די, באוואקסענע מיט טויזנט יאָריקנ שימל, אלטע לוכעס פונעמ רעליגיעזנ שווינדל. ס'זייַנענ אויסגעשמידט געוואָרנ און ס'ווערנ אויסגעשמידט אינ יעדנ הויז און אינ יעדער פאמיליע נייַע געבאָטנ און לאָזונגענ, וואָס פירנ אָנ מיטנ לעבנ און מיט דער ארבעט: דאָס זייַנענ די געבאָטנ פונ איליטשנ, די לאָזונגענ פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי און פונ איר פירער — יאָסיפ וויסאריאָנאָוויטש ס ט א ל י נ.

Редактор—С. Рабинович. Техред.—М. Погостер. Корректор—И. Левинсон
Сдано в производство 16/III—35 г. Подписано к печати 17/VI—35 г.
Ф. б. 82×110¹/₃₂. 10 п. л. „Эмес" № 50. Уп. Главлита Б—6733 Тираж 1.000.

Тип. изд-ва „Дер Эмес". Москва, Покровка 3. Зак. № 352.

Цена 5 руб. 50 коп.

פּרײַז 5 רובל 50 קאָפּ.

Г. САНДЛЕР

# НОВОЗЛАТОПОЛЬСКИЙ РАЙОН

Изд-во «Эмес», Москва, 1935